140

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 10־11 (העפט 141־2) צװעלפטער יאַרגאַנג אָקט.־נאָװ. 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

## אינהאַלט


| | | |
|---|---|---|
| דער טאָן געבער פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור און קולטור (אייניקע אַקאָרדן צום 100־טן געבוירן יאָר פון י. ל. פּרץ) | ** | 1 |
| י. ל. פּרץ פאָטאָ | | 5 |
| מיין נישט (ליד) | י. ל. פּרץ | 6 |
| מענדל ברײַנעס (דערציילונג) | י. ל. פּרץ | 7 |
| אַ חנוכה לעמפּל (אַ מעשה) | י. ל. פּרץ | 13 |
| פּרצעס װעלט־אַנשויאונג — געשיכטע און לעגענדע (עסיי) | אליהו פּאַלושאַק | 15 |
| אַן אָװנט מיט י. ל. פּרץ (רעמיניסצענצן) | בן־א. סאָכאַטשעװסקי | 23 |
| פּרץ מיט אונז | י. ביעטש | 26 |
| אַ משכיל פון פּרצעס שטעטל זאַמאָשטש | שלמה שרעבערק | 28 |
| די דריי מתנות (צו דער פּרץ־אויפפירונג ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן) | א. מײַזעלס | 29 |
| י. ל. פּרץ צו זײַן הונדערט יאָריקן געבורט | פּ. מינדל | 30 |
| נאַכט קאַשמאַר (פּאָעמע) | אברהם לעה | 32 |
| אַ שומר אין נגב (ליד) | ס. פּאַלמע | 33 |
| ישראל בײַ הײַנטיקן טאָג (אַ שטיקל סך־הכל פון אַ נסיעה) | דר. יעקב י. מײַטלים | 35 |
| פון לאָנדאָן קיין ישראל (ליד) | אריה שמידין | 43 |
| קיבוץ גליות (20 שאָטן שניטן) | א. נ. שטענצל | 44 |
| איך שטיי בײַ אַ טײַבל (ליד) | יוסף הלל לעװי | 52 |
| מיין „אני מאמין" (ליד) | י. ל. פּיין | 53 |
| לעאָ פינקלשטיין — איינער פון אַ דור (עסיי) | י. ראַפּאַפּאָרט | 55 |
| דער װינט און איך (פּאָעמע) | פאַניאַ הערש | 64 |
| אַ שטילער בעל יובל (צו שמואל װהײטס 60־טן געבוירן טאָג) | יוסף הלל לעװי | 66 |
| אַנטאָלאָגיע פון ייִדישן הומאָר—די אַלטערטום קולטורן פון אשור און בבל | ש. ערנסט | 69 |
| ייִדישע קולטור ידיעות | | 71 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות | | 73 |
| פרײַער ייִדישער קלוב (מודעה) | | 76 |
| די י. ל. פּרץ־פּרעמיע (מודעה) | | 77 |
| באַגריסונגען צו דער פּרץ־פּײַערונג | | 78 |
| אַ רעדאַקציע התנצלות־נאָטיץ מכוח דעם פּרץ־נומער | | 80 |
| די װײַטערדיקע שבת נאָכמיטאָגס | | 80 |


**פרייז 1 שילינג און 6 פענס**

אַבאָנענט־פרייז:— 19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:— 5 דאָלאַר אַ יאָר

**א טאפל־נומער לכבוד די פרץ פייערונג**


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Jewels by Sah* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

**IDEAL TRIMMINGS LTD.**

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

**די רעדאַקציע „לשון און לעבן"** מיט אַלע זײַנע מיטאַרבעטער באַגריסן די פײַערונגען, וואָס גייען אָן אין די חדשים איצט, — אומעטום ווו עס לעבט די יידישע קולטור, — לכבוד דעם געבוירן טאָג פון אונזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּרץ.

**א. נ. שטענצל.**

☆ ☆ ☆

די ברידער נאַראַד פון דער נאַראַד פּרעס באַגריסן די 100 יאָר פײַערונג פון י. ל. פּרץ.

**בר כוכבא און כרמל נאַראַד.**

☆ ☆ ☆

**די זעצער און די קאַמפּאָזיטאָרס** פון די נאַראַד פּרעס באַגריסן די פּרץ־פײַערונג צום 100־טן געבוירן יאָר פונם גרויסן דיכטער.

☆ ☆ ☆

## די 100 יאָר פײַערונג פון י. ל. פּרץ

אויפן רוף פונם קולטור קאָנגרעס, צו פײַערן היי־יאָר דעם 100 געבוירן טאָג פון אונזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּרץ, שליסט זיך „פרײַנט פון יידיש לשון" מיט אָן אין דעם גרויסן געשעעניש מיט צו פײַערן דעם טאָפּל יובל פון די יידישע מאָדערנע ליטעראַטור.

אין צייכן פון אָט דעם יום־טוב, וועלן שטיין די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס אין די קומענדיקע 2 חדשים. רעדעס וועלן געהאַלטן ווערן איבער די פּערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ און איבער זײַן שאַפן ווי אַ פּאָעט, אַ פּראָזאַיקער, אַ דראַמאַטורג, און עסייאיסט און פּובליציסט. עס וועלן געלייענט ווערן און געזונגען און דעקלאַמירט פון פּרצ׳ס ווערק. אין די פײַערונגען וועלן זיך באַטייליקן אַלע אונזערע שרײַבער און אַרטיסטן און רעציטאַטאָרן.

די סוף־חודש־זונטאָגס ביים בן־אורי וועלן זײַן געווידמעט דעם שאַפן און די פּערזענלעכקייט פון י. ל. פּרץ.

אויך די לעקציעס ביי דער קאָונטי קאָונסיל, וואָס וועלן די קומענדיקע וואָכן אָנגעפירט ווערן פון אליהו פּאַלושאַק וועלן אויסגעפילט ווערן מיט באַלערנדיקע לעקציעס איבער אונזער קלאַסיקער. אויך גרייט מען צו אַ גרויסן פײַערלעכן באַנקעט צו דעם צוועק און עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען.

„לשון און לעבן" פון דעם חודש איז אַ טאָפּל־נומער פון 80 זײַטן געווידמעט אונזער גרויסן קלאַסיקער י. ל. פּרץ.

☆ ☆ ☆

## א פײַערלעכער פּרץ־באַנקעט

אין ראָבערט רעסטאָראַנט, 17 קאָמערשל רויד, **זונטאָג**, דעם 18־טן נאָוועמ., פײַערט „פרײַנט פון יידיש לשון" דעם 100־טן געבוירן טאָג פונם גרויסן קלאַסיקער **י. ל. פּרץ**

אײַנטריט און געדעק 12 שילינג און 6 פּענס.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 11־10 (העפט 2־141) צוועלפטער יאָרגאַנג אָקט.־נאָוו. 1951 לאָנדאָן

## דער טאָן געבער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קולטור

(איניקע אַקאָרדן צום 100־סטן געבוירן יאָר פון י. ל. פּרץ)

אַ געגאָסענער פון לויטערן שטאָל, אַ קאַמערטאָן, מען ברויכט אים נאָר לייכט אָנצוקלאַפּן ווו, אַ ריר צו געבן און באַלד הערט זיך אָן אויפגעציטערטער לויטערער טאָן, און שוין פון אַליין ציט זיך אַ ווייטער נישט ענדיקנדיקער ניגון — דאָס איז דער נאָמען י. ל. פּרץ. מען ברויך אים נאָר אַרויסצוריידן, איבער די ליפּן אים ברענגען, און געדאַנקן שוועבן און וויקלען זיך, און געפילן אַלט־פאַרפלאָטערטע און פריש־אָנפליענדיקע ציטערן און וויברירן — ס׳איז ווי אַן אַקאָרד איבער אַ באַפליגלטן צעשפיגלטן אינסטרומענט: מען ברויך נאָר צו נעמען דעם טאָן — — — — — —

* * *

י. ל. פּרץ איז ווי אַ מאָרגנווינד אַפּגעפליגן איבער אונזערע פאַרחלומטע און פאַרשלאָפענע שטעט און שטעטלעך און געבערענגט דאָס ווונדער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און קולטור; פאַר יעדן צווייג פון ליטעראַרישן שאַפן געגעבן אונז דעם טאָן, און מיר האָבן געשעפּט פון אים מיט פולע איימערס פון אַ זינגנדיקן טייך, וואָס קלאָרער טאָן גיט זיך שטיל איבער פון כוואַליע צו כוואַליע — די צעבראָכענע פידלען אויפגעהאָנגען אויף די ווײַנענדיקע ווערבעס האָבן ווידער אָנגעהויבן צו שפּילן זייער ניגון — — —

אַ מעלאָדיע, אַ ניגון קאָן זיך אויסשעפּן, קאָן זיך ענדיקן, אַ טאָן אָבער הייבט זיך ווידער כסדר אָן, ער ציט זיך אומענדלעך, אין דער האַלבער נאַכט אַריין און ביז דער מאָרגנשטערן גייט אויף, ביז ס׳הויבט אָן צו טאָגן.

און ערשט אינם לאַנגען בין השמשות ווי פאַרציט זיך דאָס אַ טאָן, פאַרבענקט און פאַרדבקעט, איינער אין אַנדערן אַריין, איינער אין צווייטן, אַ גאַנצער הימל מיט ליכטיקע וואָלקענדלעך — גילגולים פון מיליאָנען נשמהלעך וואָס אָטעמען אויס, וואָס פאַרשוועבן אין דער אומענדלעכקייט — ביז צום אין־סוף! ביז גאַנצער הימל ווערט פון טענער איין צעפּינטלטער נאַכטבלאַט . . .

און נישט מסתם בחינם רעדט זיך אַזוי אָפט און אַזויפיל פונם ניגון, פון דער מעלאָדיע, פון געדאַנק, פון מוזיק ביי פּרצ׳ן, און מיט אַזויפיל פאַרשטענדניס און מיט אַזויפיל אוממיטלבאַרן געפיל — אין דער וועלט ליטעראַטור קוים

אַ ביישפּיל צו געפינען! — אַז מען איז פול אַזוי מיט ווייט אַנציענדיקע טענער און נאָענטע פון אַרום זיך, אויפגענומענע. און דאָס־אַ זיינען די אַזויפיל פּינטעלעך אין פּרצעס שרייבן — אָט די נאָטן־טענער!

אַ געזאַנג, אַ ניגון, אַ מעלאָדיע, מוזיק ברויך אַקוסטיק, אָבער אַ טאָן — וואָס טיפער מען נעמט אים אַלץ ממעמקימדיקער און סודותדיקער.

און וואָס קאָן מען טון דעמאָלט ווען מען איז איינגעשלאָסן אין זיך ווי אין אַ צעל, מיט אויסגעבעטע ווענט, און וויפיל מען זאָל נישט שלאָגן מיטן קאָפּ אין וואַנט און עס שלאָגט זיך קיין טאָן נישט אָן?

און י. ל. פּרץ האָט זיך דערשלאָגן צו דעם סודותדיקן טאָן, צו דעם שטיל־פאַרשוויגענעם און תפילה־צעשעפּטשעדיקן, מיט ציינער פאַרביסענע און מיט פעסטע פויסטן פאַרקוועטשט, צו דעם בלחש־פאַרחלשטן, צאַנקנדיקן אויס־גייענדיקן — צו דעם געאייביקטן אויפגייענדיקן — — — — — — — —

און נאָך מער, דער קאָסמאָפּאָליט י. ל. פּרץ, דער וועלטלעכער מענטש פּרץ, דער מענטשלעכסטער און וועלטלעכסטער פון אונזערע דריי קלאַסיקער; דער קאָסמישער, וואָס האָט זיך באַוועגט צווישן די הימלישע ספערן, צווישן די גלגלים, — געהערט דאָס הימלישע געזאַנג פון די גלגלים און זיינע טענער אונז אַראָפּגעבראַכט! — איז אַראָפּגעקומען צו אונז, אַראָפּ־געבידערט פון זיינע העכסטע הייכן צו אונז, פון דער גרויסער ליכטיקער וועלט, פון די ש״י־עולמות צו אונזערע פינסטערע שטעט און שטעטלעך — אַ פליענדיקער קאָמעט וואָס צערייסט זיך אויף שטיקער און פאַלט ווי אַ ליכטי־קער שטערן־רעגן, פאַר די איפגייענדיקע שפע פון אונזער שאַפן.

פּרץ דער ריז פון אונזער ליטעראַטור, דער קינסטלער, האָט זיך מענטש־לעך געראַנגלט מיט אַלע פינסטערע כוחות אַרום אונז,, אונז צו באַפרייען פון זיי, אונז אויפצובינדן פון זייערע פאַרזשאַווערטע קייטן —

יאָ און נאָך פון דעם אויפרייסן פון די קייטן אויף אונזערע געבונדענע הענט און פיס, פונם צעשיט פון די אויפגעריסענע רינגען, האָט צוזאַמענגע־קליבן די אויפגעריסענע רינגען צו שמידן פון זיי זיינע גילגול ניגונים, זיין „פאַליש אויף דער קייט״, ביז צו „די גאָלדענער קייט״ —

אַ. אין אַלע זיינע זאַכן קומען פאַר די אויסטערלישסטע פאַרוואַנדלונגען! און איז דען נישט דער גרויסער קינסטלער, דער מכשף, „דער קינצן מאַכער״, וואָס פאַרוואַנדלט די זאַכן; ער פאַרשטעלט זיי, ער טוט זיי איבער; פון זייערע שמאַטעס און לאַטעס טוט ער זיי אויס און קליידט זיי אָן אין סאַמעט און אין זייד, אין גאָלד און אין בריליאַנטן — ער טוט זיי אָן די קרוין אויפן קאָפּ און דעם הערמאָלין וואַרפט ער זיי איבער די פּלייצעס!

און ווי שיין און ווי ווונדערלעך הערלעך ווערט דעמאָלט די פאַרשמוצטע, פאַרמיאוסטע וועלט אונזערע, און ווי טיף און ווי סודותדיק איר פינסטערער תהום — — —

י. ל. פּרץ ברויכט נישט פון אונטער שפּאָקולן אַ פאַרניכטנדיקן סאַר־קאַסטישן בליק קיינעם צוצוואַרפן, ער ברויך אויך נישט, מיט טרערן אין



די אויגן, תוכחהדיק־המצאהדיק גוט־מוטיק אויסצולאַכן. פּרץ פאַרוואַנדלט אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, — אָן מגידישן דרש און אָן וויציקן משל! — מיט אַ טאָן, מיט אַ שמייכל, מיט דריי פּינטעלעך . . .

פּרץ ברויך נישט קיין ווערטער, אַפילו נישט קיין קאָנסאָנאַנטן, מיט אַ נקודה טוט ער עס, מיט אַ וואָקאַל־תניעה — מיטן פּינטעלע ייד!

פּרץ האָט דעם ייד באַפרייט פון אַלע רעאַליסטישע שווערקייטן; ער האָט אים פון דער פינסטערער „אין קעלער שטוב״ אַרויסגעהויבן; פון יעדער טפל־דיקייט און פּרטימדיקייט — — ברויך מען דען רעאַליזם צו מאָלן אַ נשמה?

און ווי האָט ער די יידישע פרוי באַפרייט! „האשה מרת חנה״ האָט ער אַריינגעזעצט אין „פאָסט וואָגן״ — אַ זיך וויגנדיקע פּרינצעסין אין אַ קאָטש אויף גומענע רעדער. ביז צו פּרצן איז זי דאָך, די פרוי, געווען אַ ניין־מאָס־רייד ריידנדיקע יידענע — אַ „יאַכנע״! און ווי אויסגעאיידלט איז זי געוואָרן „מיטן פעטער שאַכנע״, און נישט נאָר, אַז דער מאַן הייבט זי אויף פונם פּיסנבענקע־לע און ער זעצט זי ביי זיין זייט, נאָר זי גאָר הויבט אים, פון זיין שפלות און געפאַלנקייט און זי זעצט אים צווישן מלכים — ביי פּרצן ווערט די יידישע פרוי, די שאַפנדיקע יידישע מוזע! כביכול די שכינה הקדושה!!

אַז ס׳האַנדלט זיך אין גרויסע קונסט, אין כשופדיקע פאַרוואַנדלונגען, איז ווער קאָן וויסן, ווער ס׳איז ווער, און וואָס איז וואָס; עס איז שעפערישע יצירה, עס איז ווייטער פירן, ווייטער זיך משתתף זיין מיט מעשה בראשית — — —

אַז ווער קאָן אונז זאָגן צי „באָנטשע שווייג״ איז אַ סאַטירע איבערן אומ־באַהאָלפענעם האַראָפּאַשנעם מענטש, — איבער פּראָלעטאַריאַט! — צי אַפּאָ־טעאָז איבערן הייליקן ריינעם, אַלצדינג צונעמענדיקן באהבה? און ווער קאָן וויסן וואָס אינם „לולקע ציבעק״ שטעקט? און אַזוי מיט אַלע געלונגענע פּרצעס שלמותדיקע זאַכן. זיי זענען אָנגעפילט מיט ליבשאַפט, צו דער קרעאַ־טור, צום מענטש, צום ייד — — —

נישט ער איז אַ סאַטיריקער, נישט קיין סימבאָליקער; ער האָט אין זיך די סתרות פון דער נאַטור, פונם קאָסמאָס — ער איז קאָסמיש־שעפעריש און ער פאַרוואַנדלט; פּרץ איז דער קינסטלער בחסד אלוקים אין אונזער מאָדער־נער יידישער ליטעראַטור.

פּרץ שאַפט לעבעדיקס, צאַפּלדיקס, וואַרעמס, און עס האָט אין זיך אַלע זיינע אייגנשאַפטן. ער מאַכט נישט קיין שטומע גולמס פון ליים מיט אָן אונ־טערגעקלעבטן שם אונטער דער צונג, ער הויכט אַריין זיין וואַרעמען אָטעם, זיין קאָכנדיקע נשמה, און זיינע מענטשן באַוועגן זיך, און זיינען זעלבסט־שטענדיק, זיי האַנדלען ווי זיי ברויכן און מוזן האַנדלען, זיי האָבן זייער איי־גענער בחירה — ער גיט זיי דעם טאָן און זיי גייען אָן!

ר׳ נח ביאַלער וואַרפט אַראָפּ, אַ שמייכלדיקע תנועה, אַ שמחהדיקן טאָן פון זיין באָרד אַרויס און די גאַנצע מרה שחורה פון דער וועלט פאַרוואַנדלט זיך אין פרייד געזאַנג, און טאַנצנדיקע חדוה — — די אַלע פּיטשעדיקע, צעפּיצל־טע קריעה בלואה־יידעלעך, די אַלע נאַקעט מלופן־יינגלעך, די אַלע נישטיקע

פינטעלע וואַקסן אויס צו גרויסע נשמה־יתרה־יידן — יעדעס פינטעלע אַין גרויסער מיטלפונקט! אַ פונקט אַרום וואָס די גאַנצע וועלט דרייט — אַלע גלגלים, אַלע עולמות עליונים — — — — — — —

י. ל. פרץ, דער באַוווסטע ייד, דער קאָסמישער מענטש האָט אַראָפּגעברענגט אַלע ש״י־עולמות אין יעדן קליינעם שטעטל אַריין; ער האָט אונז די מאָדערנע מענטש געמאַכט פאַר באַוווסטע יידן.

און אַזוי האָט ער עס געטאָן י. ל. פרץ, אינם טאַבעק שקעטעלע פונם כעלעמער רב האָט ער אַריינגעפּאַקט דאָס גאַנצע מישטיינס־געזאָגט וועלטל אונזערס; ווי אַ גוטן שמעק־טאַבעק האָט ער עס צו ערשט צעריבן, מיט אַלע זיינע פילאָזאָפיע־חקירות, סיסטעמען־סתירות — איין ניס און אויס וועלטל!...

דאָס געניאַלע שעפערישקייט! די פאַרוואַנדלונג!! אַלע סאָציאָלאָגישע און ביאָלאָגישע סיסטעמען אַריינצושטופּן אין אָט דעם קליינעם טאַבעק־שקעטעלע און זיך אַזוי אָנצוזאַפּן מיטן יידישלעכן ריח.

און ווי זיכער ווערט דאָס־אַ וועלטעלע (אַפילו מיטן אַטאָם באַמבעלע וואָלט עס געווען! . . .) אין אַזעלכע הענט: „אַ שמח בחלקו און אַ מענטש אַן גאַל, שמייכלט ער צום שקעטעלע און קלאַפּט מיט די קליינע פינגערלעך אַן דעקעלע, פויקנדיק און פרעגענדיק:

פאַראַן אַ ביסעלע?

און אַז דאָס שקעטעלע ענטפערט דעמפיק:

פאַראַן אַ ביסעלע, פאַראַן!״ — אָט אַזוי זיך צו קאָנען צוהערן צו אַ דעמפיקלעכן טאָן, אים טיף באַנעמען און אים ווייטער ציען, איינגעהאַלטן־במתונות — — „עפענט ער מיט הרחבה אויף, נעמט מיט די קליינע פינגער־קישעלעך אַ ביסעלע פונם ביסלע און טראָגט צום נעזיל צו, און גיט אַ קליין שטאָפּעלע רעכטס, אַ קליין שטאָפּעלע לינקס, און נאָך אַמאָל אַזוי, ווערט אים ליכטיק אין די אייגעלעך, זאַפּט זיך מיט נחת אַן דאָס הערצעלע, לאָזט ער זיך איבער דער בית־דין שטוב, ממש טאַנצנדיק, גיט ער אָפּ אַ שבח דעם בורא עולם, ממש זינגענדיק:

— אײ־אײ־אײ, גאָטעניו, אַ גוט ׳עלטעלע דו האָסט עס באַשאַפן!״

* * *

פרץ דער גאון פון אונזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור האָט משיג געווען דעם אָטעמדיקן הויך פון דער יצירה און פון יצירה — ער האָט זיך דערגריבלט צום ציטערדיקן טאָן, וואָס קוואַלט אַרויס פון די טיפעניש פון מענטשלעכן האַרץ; ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער נידעריקסטער טיר פון „אַ קעלער שטוב״ און ער האָט זיך דערהויבן צו די שערי שמים און געהערט דעם עכאָ און די פאַרוואַנדלטע טענער אין זיין האַרץ האָבן זיך ווייטער געראַנגלט ביים שניידער טיש, ביים שוסטער בענקעלע, ביים וואַרשטאַט און ביי דער מאַשין און זיך ווייטער געצויגן מיטן גמרא־ניגון, מיט חסידישן חדוה־געזאַנג — „אויב נישט נאָך העכער!״





י. ל. פרץ

י. ל. פרץ

## מײַן נישט

מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע באַשאַפֿן,
מאַכן אַ וועג מיט פֿויסטן און נעגל
צום שענק פֿאַס, און פֿרעסן און זויפֿן, ווען אַנדערע
קוקן פֿון ווײַטן מיט גלעזערנע אויגן
פֿאַרחלשט, און שלינגען דאָס שפּײַעכץ און ציען
צונויפֿמען דעם מאָגן, וואָס וואַרפֿט זיך אין קרעמפּן! —
אַ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ קרעטשמע!

מײַן נישט, די וועלט איז אַ בערזע באַשאַפֿן,
דער שטאַרקער זאָל האַנדלען מיט מידע און שוואַכע,
זאָל קויפֿן בײַ אָרעמע מיידלעך די בושה,
בײַ פֿרויען די מילך פֿון די בריסטן, בײַ מענער
דעם מאַרך פֿון די ביינער, בײַ קינדער דעם שמייכל,
דעם זעלטענעם גאַסט אויפֿן וואַקסענעם פּנים — —
אַ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ בערזע!

מײַן נישט, די וועלט איז אַ הפֿקר באַשאַפֿן
פֿאַר וועלף און פֿאַר פֿוקסן, פֿאַר רויב און פֿאַר שווינדל;
דער הימל — אַ פֿאַרהאַנג, אַז גאָט זאָל נישט זען,
דער נעפּל — מען זאָל אויף די הענט דיר נישט קוקן;
דער ווינט — צו פֿאַרשטיקן די ווילדע געשרייען,
די ערד איז צו זאַפּן דאָס בלוט פֿון קרבנות —
אַ, מײַן נישט, די וועלט איז אַ הפֿקר!

די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפֿקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוווגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פֿאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פֿונק און קיין אויג נישט פֿאַרלאָשן!
פֿון טרערן ווערן טײַכן, פֿון טײַכן ווערן ימים,
פֿון ימים — אַ מבול, פֿון פֿונקן — אַ דונער —
אַ, מײַן נישט, לית דין ולית דיין.



י. ל. פרץ

## מענדל ברײַנעס

מענדל ברײַנעס (קיין פֿאַמיליען־נאָמען איז נאָך דעמאָלט נישט געווען), איז געווען אַ יושב אוהל. דאָס הייסט: אַ שטיק שיינער ייִד; קיין גרויסער למדן נישט, נאָר — תהילים פֿאַרן דאַווענען, עין־יעקב נאָכן דאַווענען, און בײַ נאַכט — אַ פּרק משניות. — ער פֿלעגט גאַנץ אָפֿט אַהיים נעמען אַן אורח, יעדן פֿרײ־מאָרגן אַרײַנוואַרפֿן אין מאיר בעל הנס, האַלטן מפֿטיר יונה, האָבן אַ גרויס חלק אין דער קאָנסאָרציע פֿון פּתיחות. און דערצו פֿלעגט ער גלאַט זײַן אַ מתעסק במצות: אַ מגיד איז געקומען, מען דאַרף אַרומגיין צונויפֿנעמען פֿאַר אָרעמע לײַט אויף מצות, אויף האָלץ און קאַרטאָפֿל; מען דאַרף ערובין, עמיצן אַן אוהל שטעלן וכדומה — טוט ר׳ מענדל ברײַנעס אָן די ברייטע תבונה, נעמט דעם גראָבן שטעקן מיט דער מעשענער גאָלקע און גייט מיטן רב, מיטן דאָזאָרצע אָדער אַזוי מיט אַ שיינעם בעל־הבית. ער האַלט פֿאַר אַ מצוה אַליין צו טראָגן די פּושקע, כאָטש הינטן גייט נאָך דער שמש.

ווינטער האָט ער קיין מינוט צײַט נישט געהאַט: תהילים זאָגן, דאַווענען, עין־יעקב לערנען, אָנבײַסן, אַ נדבה מאַכן, מנחה־מעריב, אַ פּרק משניות און וויעציערע — און קריאת־שמע לייענען, שלאָפֿן, חצות, ווײַטער שלאָפֿן... עס איז אים פֿון טאָג קיין מאָל קיין רעשט נישט געבליבן. פֿאַר דאָס זומער־צײַט פֿלעגט אים בלײַבן אַ נאָך־וואַרעמעס, אַ גרויסער נאָך־וואַרעמעס. ער פֿלעגט אים אויך פֿאַרברענגען אין בית־המדרש, נאָר רעדן שוין פֿון וועלט־זאַכן, פֿון נײַע המצאות, פֿון פּאָליטיק...

מענדל ברײַנעס איז קלוג נישט געווען. אין חדר פֿלעגט מען אים רופֿן מענדל שוטה; אַז ער האָט חתונה געהאַט, איז די אָפּיניע ווײַכער געוואָרן און ער פֿלעגט שוין הייסן: „מענדל תם“. ערשט דערנאָך, אַז ער איז אַראָפּ פֿון קעסט, געוואָרן אַ בעל־הבית פֿאַר זיך, און ברײַנע, זײַן ווײַב, האָט זיך געמאַכט אַ שפּייז־געוועלב און געלייזט „שטיקער גאָלד“, — האָט מען אים געקרוינט אויף „מענדל ברײַנעס“. און ווײַל מענדל ברײַנעס איז קיינעם אין וועג אַרײַן נישט געגאַנגען, קיינעם אַ שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, און בית־המדרש און קהל האָט געהאַט פֿון אים, האָט קיינער נישט דערמאָנט וואָס אַמאָל איז געווען האָט קיינער הויך נישט געלאַכט, אַז ער פֿלעגט צווישן אַלע פֿינף ווערטער זאָגן: אָבער וואָר איך בין קיין נאַר נישט? אַ־יאָ איך בין קלוג?

— אמת, איך בין קיין נאַר נישט! זאָגט אַמאָל ר׳ מענדעלע, און פֿונדעסטוועגן פֿאַרשטיי איך נישט, ווי אַזוי מען אַרבעט אויס אַזאַ דין און געלעכערט שטרוי אין די שעניקעס אַרײַן! איך האָב אַ מישנע אַרויסגעשלעפּט אודאי פֿערציק שטרוי, איינס נאָכן אַנדערן, אַלע זענען הויל, — אַלע חלולים, חלולים. איך האָב געוואָלט פֿרעגן מײַן ברײַנען, זי איז שוין אָבער געווען אין געוועלב.

און איידער עמיץ האָט צײַט געהאַט צו לאַכן, האָט ער זיך שוין אַליין גע־געענטפֿערט:

— דאָס שטרוי מוזן אודאי די פֿויערן ברענגען פֿון ענגלאַנד!

פֿון ענגלאַנד האָט מענדל ברײנעס אַ סך געהערט און געהאַלטן טאַקע עולם ומלאה.

עס איז געווען נאָך דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג; דאָס גאַנצע בית־המדרש האָט נאָך געקלונגען מיט ענגלישע המצאות. די מעשׂיות האָבן דערציילט אויסגעדינטע זעלנער, וואָס האָבן עס אַליין געזען, מיט אייגענע אויגן.

טאַקע גבורות הבורא, דערציילט נאָך אַ בית־המדרש בעל־הבית: למשל אַן האַרמאַט! וואָס טויג, רבותים, אַן האַרמאַט? די האַרמאַט שיסט אויס אַ קויל; נו וואָס איז? דאַרף מען דאָך ערשט פֿועלן, אַז דער שונא זאָל ווערן שטיין אונטערן חלול! און דער שונא איז דווקא גאָר קיין נאַר נישט. ער לאָזט זיך נישט אָנרעדן צו אַזוינע זאַכן. אַמאָל נאַרט ער גאָר אָפּ, ער שטייט, דו שיסט און ער גנבעט זיך אַוועק! עס האָט געהאַלטן ביי כלה כל הקיצין! די ממזרים, די ענגלענדער, האָבן דאָך אָבער געהערט די מעשׂה פֿון צפֿרדע של מצרים, האָבן זיי זי נאָכגעמאַכט! זיי האָבן ממציא געווען אַזאַ גרויסע האַרמאַט, וואָס שיסט אַרויס פֿון זיך, נישט קוילן, נאָר גאַנצע האַרמאַטן, און יעדע פֿון די האַרמאַטן, אַז זי פֿאַלט אַראָפּ, גיט זי אַ טראַסק אין דער ערד, צופּלאַצט, און עס שפּרינגען פֿון איר אַרויס צען נייע האַרמאַטן, און די האַרמאַטן ערשט שיסן מיט קוילן! נו גיי היט דיך פֿאַר דעם! צונד קענט איר פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ מין שיטה דאָס האָט אָנגעמאַכט!

און איר מיינט כּשוף? חלילה, אַ פּראָסטע ספּרענזינע!

און אַז מען האָט געפֿרעגט: פֿאַרוואָס נאָך דעם קריג האָט זיך מלכות־רוסיא נית נאָכגעמאַכט אַזוינע האַרמאַטן, האָט מען געוווּסט צו ענטפֿערן, אַז באַלד נאָך דער מלחמה זענען זיך די מלכיות'ן צוזאַמענגעגאַנגען, און, כּדי מען זאָל נישט חרוב מאַכן די וועלט, האָט מען געמאַכט מיט „זייער בחרם“, אַז מען זאָל שוין מער נישט שיסן נישט מיט פּלאַכטעס קאַכעדיקער הירזש און נישט מיט אַזוינע האַרמאַטן.

פֿון דעמאָלט אָן האָט מענדל ברײנעס געהאַלטן עולם ומלואה פֿון ענגלאַנד, און וואָס ער האָט עפּעס געזען, און זיין שׂכל האָט נישט געקענט משׂיג זיין, איז אַלץ געווען פֿון ענגלאַנד. אַז דער זייגער קומט אַרויס פֿון ענגלאַנד, פֿון דעם איז נישט געווען וואָס צו קלערן, נאָר די ערשטע ספּרענזינע האָט אויך געמוזט מאַכן אַן ענגלישער שמיד! און ער האָט גערעדט מיט גרויס התלהבות פֿון ענגלאַנד, פֿון אירע חכמים, פֿון אירע קאָוואַלעס:

— זיי מוזן דאָרט זיין שיינע חכמים!

מענדל ברײנעס וואָלט געוואָלט לעבן אין ענגלאַנד, נאָר שטאַרבן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, אין ארץ ישׂראל. ערשטנס פֿאַר פֿרומקייט; צווייטנס גלאָט, האָט ער בטבע זייער ליב געהאַט מנוחה. און ווען ער פֿלעגט זיך דערמאָנען אין גלגול מחילות, האָט ער אויף דריי טעג פֿאַרלוירן דעם אַפּעטיט. און ווייל ער האָט פּאַרט נישט אויפֿגעהערט צו עסן, האָט ער געהאַט זעקס



טאָג בויכווייטיק! מחיה האָט ער זיך געווען, אַז ער איז געוואָר געוואָרן פֿון אַ זיכערן מענטש, אַז ארץ ישׂראל איז ווייטער ווי ענגלאַנד.

— גוט, טראַכט ער, און קלערט שוין פֿון דעמאָלט אָן אויפֿן רעכטן אמת צו פֿאָרן קיין ארץ ישׂראל, וואָרים „דער וועג מוז דאָך גיין דורך ענגלאַנד!

ער וואָלט שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט דאָס געוועלבל מיטן כּלי־בית און געפֿאָרן, ווען נישט ברײנע.

ברײנע האָט גאַנץ ערלעך געהאַלטן איר מענדלען. זי האָט זיך געווונטשן צו זיין זיין פֿוסבענקעלע אין גן־עדן; זי האָט אים געקעכעלט און געשטאָפּט, געאַרבעט ווי אַן איזל, מפֿרנס צו זיין, צו שוכן און צו קליידן מענדלען מיט די פֿיר קינדער: דריי מיידלעך און איין ייִנגל. איר גאַנצער עולם הזה איז געווען, אַז זי האָט געזען פֿון געוועלב אַרויס איר מענדלען גיין מיט דער צדקה־פּושקע אין דער לינקער און מיטן שטעקן מיט דער מעשענער סקיפּקע אין דער רעכטער האַנד! זי האָט פֿאַרקויפֿט בחצי חנם איר שטאָט אין עזרת נשים, ווייל די פֿענסטער גיין אין שול אַריין, און באַצאָלט „ממון קרח“ פֿאַר אַ שטאָדט נעבן בית המדרש פֿענסטער, זי זאָל זען ווי מענדעלע איז עולה לתורה און מאַכט די זיסע ברכה. עס האָט איר געקוואָלן דאָס האַרץ, ווען מענדעלע האָט אונטערגעזאָגט דעם חזן, „האשה ברײנע בת מורנו“... און מנדר געווען פֿאַר איר געזונד ח״י פּעמים ח״י; זי איז געווען גליקלעך, אַז זי פֿלעגט שבת און יום־טוב גיין מיט אים דאַווענען צוזאַמען; און אַז זיי האָבן זיך צושיידט ביי די צווייערליי טרעפּ, פֿלעגט זי בלייבן שטיין אויפֿן ערשטן שטאַפּל און איבערדרייען זיך און זען ווי איר מענדעלע הייבט די פּיסלעך אויף די מענערישע טרעפּ. נאָכן דאַווענען האָט זי אים אָפּגעוואַרט ביי דער שוועל און אַז זי האָט אים דערזען, און זי האָט דערהערט זיין „גוט שבת“, איז זי רויט געוואָרן גלייך ווי זי וואָלט ערשט פֿון אונטער דער חופּה אַפּער. פֿונדעסטוועגן האָט זי געוווּסט, אַז מענדעלע איז נישט קלוג אין די „וועלט נאַרישקייטן“. אַז ער איז נאָר אַ חכם אין די קליינע אותיות, אַ מוח אין בית־המדרש, אָבער אַזוי, אין עולם הזה זאַכן, נאָר לאַ!... דאָס איז שוין איר זאַך!

— ניין, מענדעלע, — זאָגט זי אים געלאַסן, — מען פֿאָרט נישט אַזוי, מען פֿאַרקויפֿט נישט קיין מחיה! אפֿשר שפּעטער, אַז מיר וועלן חתונה מאַכן אַלע קינדער, אָפּגעבן געסט, דערלעבן כּאָטש אַן אייניקל, און אפֿשר אַן אור־אייניקל, דעמאָלט, זעסט דו, מהיכי תיתי, איבערגעבן די קינדער די מחיה...

און מענדל האָט געוווּסט, אַז ברײנע איז אין וועלט זאַכן אַ „ווילדע חכמה“ און האָט געוואַרט! וואָרום נאָך ירושלים און ענגלאַנד, איז אים ברײנע געווען פֿאַרבאַקן אין האַרץ..

ער האָט דערווייל נישט אַלע קינדער חתונה געמאַכט, און ער קומט איין מאָל אַהיים זייער טרויעריק:

— זעסט דו ברײנע, — מאַכט ער, — אַ פּאָוויעסטקע צום בית־דין של מעלה! — ער ווייזט איר אַ גראָע האָר אין דער באָרד.

בריינע טרייסט אים:

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, מענדעלע. דו ביזט נישט קלאָר אין אַזעלכע זאַכן... מיין טאַטע, עליו השלום, איז גרוי געוואָרן צו פופציק יאָר, און דיר צו לענגערע יאָר...

— א ו נ ד ז צו לענגערע יאָר, — פאַרבעסערט מענדל.

—און אונדז צו לענגערע יאָר האָט ער נאָך געלעבט אודאי אַ יאָר דרייסיק!

— היינט אָבער שוואַכע דורות, נישט די פאַרצייטיקע כוחות! — זאָגט מענדעלע און לאָזט אַראָפּ די אויגן.

בריינע האָט אים אויסגערעדט דאָס עגמת נפש און אים אָנגעהויבן בעסער צו קעכלען: נעמט ביים קצב נאָך אַ האַלב פונט פלייש צום וואַרמעס...

— איי, בריינטשע, — זאָגט דער קצב, — איר האָט אודאי מחותנים צום טיש, זאָל אייך זיין צו מזל!

— ניין, — ענטפערט בריינע... — היינטיקע שוואַכע דורות...

און ביים עסן לעגט זי אַלע מאָל צו מענדלען נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ פּיצל. „עס דאָס, דאָס איז אַ מחיה". און האָט קוקנדיק אויף מענדלען אין זינען געהאַט: זאָל אים זיין צום געזונד... היינטיקע שוואַכע דורות!...

זי האָט מיקלאָמפערשט „געכאַפּט אַ זעמל אין געוועלב, געוואָשן זיך ביי דער שכנה". אַמאָל — האָט איר אַ קרובה געקאָכט אַ נייע מאָדע קילישע און איר געברענגט אַ פּאָר לעפל צו פאַרזוכן; אַמאָל איז זי געווען אויף אַ ברית, כאָטש זי האָט פאַרגעסן ווי די יולדת הייסט, — אַבי זי איז נישט הונגעריק געווען ביים עסן און נאָר געבעטן זיך:

— עס, מענדעלע, עס, וואָס גלייכסט דו דיך צו מיר? תורה תתיש כח!

— מתיש כח, מיינסט דו בריינע.

— זאָל זיין מתיש כח... אָדער ווי אין פרק שטייט: אם אין תורה אין קמח, אַז מען לערנט, מוז מען עסן!

מענדל שמייכלט אויפן נייעם גרייז.

— אָבער איך, וואָס טו איך? איך גיי אַ גאַנצן טאָג ליידיק, אָדער זיץ איבערן פּייער־טאָפּ. ק ו מ ט א ר י י ן אַ קונה מ ע ס ט איך אָפּ אַ קוואָרט באַבעלעך, צי קאַשע, צי מעל, נישט — נישט! דעריבער דאַרף איך ווייניקער עסן.

און מענדל גלויבט אין דער געכאַפּטער זעמל, אין דער קילישע, אינם ברית, כאָטש ער האָט תחנון געזאָגט. אַ קשיא אויף אַ מעשה, אודאי ביי אַ מנין... ער דאַרף טאַקע, גלויבט ער, מער עסן, אַ קאַטאָוועס — יעדן טאָג צוויי יום תהלים, אַ פּרק משניות, עטלעכע בלאַט עין יעקב, היינט'זשע — דאַווענען, פּושקע טראָגן, שטעקן שלעפּן, ער ווייסט?...

און ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס זיין כשרע בריינע האָט אַזאַ רואיק לעבן, וואָס זי זיצט ליידיק אין געוועלבל איבערן פּייער־טאָפּ, פאַרלייגט די הענט און



וואָרט אויפן קונה, קומט ער — קומט ער, נישט — נישט! זייער גלייך! זאָל זי כאָטש נישט אַזוי פיל אַרבעטן ווי ער. זאָל זי זיך כאָטש אויסרוען די ביינער.

און מענדעלע שטאָפּט אַריין אין זיך וואָס אַמאָל מער אַבי ער זאָל האָבן כח מאריך ימים צו זיין, ער זאָל דערלעבן צו זען ענגלאַנד און צו שטאַרבן דערנאָך אין ירושלים.

אַ חוץ פון בריינען האָט מענדעלע נאָך נחת פון קינדער: איין עלטערן זון האָט ער חתונה געמאַכט אין דער פרעמד; ער עסט שוין קעסט ביים שווער! געלויבט איז גאָט, זייט ער האָט חתונה געהאַט איז נאָך פון אים קיין בריוו נישט געווען. אַ סימן עס גייט אים גוט. אַז ער איז בקו הבריאה. ווער עס קומט צו פאָרן, ברענגט אַ גרוס... נאָך אים גייט אַ חתן בחור — אַ חדר יינגל. בריינע באַשטעלט מלמדים, צאָלט שכר־למוד, זעט — ער זאָל לערנען מיט זיינס גלייכן. ער פאָר דאָס פאַרהערט אים אַלע שבת... נאָר פאַרן עסן האָט מענדעלע פיינט צו פאַרהערן. נאָכן עסן איז בעסער, מער רחבות, דעריבער דרימלט ער טאַקע באַלד איין, און כאַפּט זיך ערשט אויף ביים מלמד'ס לחיים, גיט דעם זון אַ קניפּ אין בעקל און שוין!

ער האָט נאָך דריי טעכטער, יונגע קינדער, צייכן מיידלעך, נאָר ווילע קינדער אַלע. דרך־ארץ'דיקע קינדער, שטילע קינדער. שטענדיק ריינע, אָפּגעוואַשענע, אַ מחיה!... ער זעט אַפילו נישט, ווען מען וואַשט זיי, ווען מען קעמט זיי, ווען בריינע לאַטעט און פאַרריכט! ער קען כמעט נישט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס ווערט קלוג און פיין געבוירן!...

— טאַקע מ י י נ ע קינדער! — טראַכט ער זיך מיט גאווה, — אין מ י ר אַריינגעראָטן! ער דאַנקט און לויבט זיין ליבן נאָמען דערפאַר, וואָס בריינע האָט אַזאַ רואיק לעבן, נישט ווי אַנדערע מאַמעס; וואָס די קינדער דרייען איר נישט אָפּ דעם קאָפּ! און ווי די קינדער פאָלגן! ער הייסט זיך, למשל, ברענגען אַ טרונק וואַסער (בריינע האָט אַ טבע אַלץ וואָס ער זאָגט, איבער צו זאָגן) און קוים חזר'ט זי איבער: ברענגט דעם טאַטן וואַסער, לויפט דאָס קינד שוין און ברענגט; אַ מחיה אַזוינע קינדער! ער קומט אין שטוב אַריין און בריינע זאָגט נאָר: דער טאַטע גייט — איז שוין שטיל!

געלויבט איז גאָט מען רעדט שוין דעם צ ו ו י י ט ן זון אַ שדוך, און אַ גוטן שדוך. בריינע וויל טאַקע פאָרן אָנקוקן די כלה. חגאות צייט וועט זי עס טאָן, אַזוי האָט זי אים געזאָגט. און ווייל ער איז געוואָר געוואָרן, אַז צום מחותן פאָרט מען נ י ש ט דורך ענגלאַנד, איז ער א י ר מוחל דאָס כבוד, זאָל זי זיך אַ ביסל איבערפאָרן. פאַר וואָס נישט? זי פאָרט אין גאַנצן פיר מאָל אין יאָר נאָך סחורה, אויך קומט זי צוריק מיד און מאַט פון לויפן, באַקוקן, דינגען... זאָל זי א י י ן מאָל כאָטש פאָרן און קומען מיט נחת. זאָל די וועלט זען, וואָס פאַר אַ ווייב ער האָט! ער אַליין וועט זיך ווייזן אויף די תנאים! אַפילו ביי דער חופה איז אויך גענוג! דעם ע ר ש ט ן זונס כלה האָט זי אויך אָנגעקוקט; זי איז שוין מזלדיק צו אַזעלכע זאַכן... ער וועט זיך נאָך גענוג אָנפאָרן...

עס זענען ווייטער אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר יאָר. אַז גאָט בענטשט, בענטשט

ער מיט אַלעם, אַפילו מיט מנוחה — דער צווייטער זון האָט אויך חתונה געהאַט, און גוט חתונה געהאַט. ער עסט שוין אויך קעסט.

מענדעלע האָט אַפילו גאַנץ ווייניק געוווסט ווער און וואָס; עס איז אים איבערגעגאַנגען כמעט ווי אין אַ חלום. ער האָט אַפילו קיין איינציקן טאָג קיין יום־תהלים נישט פאַרפעלט... עס האָט אים דער קאָפּ נישט וויי געטאָן, אויסער אין דער פרי, נאָך דער גרויסער נאַכט, פון ווייניקער שלאָפן!

און מענדעלע פרייט זיך, — נאָך אין גאַנצן דריי מיידלעך חתונה צו מאַכן, (ביי בריינען גייט עס געשווינד), און דערנאָך: שוין! איבערגעבן די מחיה, געדונגען אַ ברייטן וואָגן, מען זאָל זיך קענען אויסציען, אָנפּאַקן מיט ענגליש שטרוי און וויאָ!

נאָר עפּעס פילט ער, אַז די פיס זענען אים נישט בקו הבריאה, אַז פון אַ קורצע צייט איז אים דער אָטעם שווער. נאָר בריינע לאָזט אים נישט צו קיין עגמת נפש. זי טרייסט אים און קעכעלט אים אַלע מאָל מער; זי איז אים מבטיח, אַז ער וועט נאָך אַלץ דערלעבן!

. . . . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . .

איינמאָל זיצט ער אין בית־המדרש ביים עין יעקב און דערהערט אַ געשריי! עס דאַכט זיך אים — זיין טאָכטער; נאָר ניין, ווי קומט זי אויפן שולהויף? און אַ כלה־מיידל וויינט נישט... עפּעס לויפט מען אויף די טרעפּ, מען שרייט: טאַטע! טאַטע! פּאַרט איר קול; עס איז אָבער דאָך נישט מעגלעך!

ער וויל איבערקלערן, נעמט אַרויס אַ שמעק טאַבאַק, נאָר איידער ער האָט אים אַריינגעזעצט אין די נאָזלעכער, האָט אים שוין די טאָכטער געריסן ביי די לאַצן:

— ט אַ ט ע! די מאַמע איז אָוועקגעפאַלן, גוואַלד!

און איידער ר׳ מענדעלע איז צו זיך געקומען און אַהיים געלאָפן, איז שוין בריינע געלעגן טויט.

אין איין טאָג איז מענדעלע באמת גרייז־גרוי געוואָרן. דער אָטעם טאַקע שווער און די פיס טאַקע געשוואָלן... ער האָט זיך נישט געריכט, אַז בריינע זאָל אים נישט איבערלעבן... ביי אַזאַ מאַן, ביי אַזוינע קינדער, ביי אַזאַ ווווילטאָג!..

און בריינע, אַזוי ווי מען האָט זי נישט אַרויסגעזען ביים לעבן, האָט מען זי קוים אָנגעזען אויף דער מטה... אַזאַ דאַרעניש!..





## א חנוכה-לעמפל

עס איז דאָך חנוכה, וועל איך אייך דערציילן, ווי אַזוי אַ ייד, אַ יורד, לא עליכם, האָט זיך אַמאָל געראַטעוועט דורך אַ חנוכה־לעמפל...

און מיינט איר, אַ גאָלדענס? כאָטש אַ זילבערנס? דווקא אַ מעשענס און אַ שברי־כלי. עפּעס איין אַלטע ירושה פון דור־דורות. אויסגעקרומט, אויסגעדרייט און אַ האַלב רעריל אָפּגעבראָכן...

דער ייד איז פריער געווען אַ בעל־הבית...

פלוצלינג איז ער נתעשר געוואָרן.

ווי אַזוי? דאָס געהער נישט צו דער זאַך.

מען זאָגט, אַ זעלנער האָט געטראָגן אין גאַס אַ שטאַבע אייזן צו פאַרקויפן. האָט ער געקויפט אונטערן מקח. אַהיימגעפירט... ער גיט אַ שלייף — גאָלד! גע׳לקח׳נט געווען פון דער באַנק!

אָבער אַז אַ ייד ווערט רייך, איז „ישן מפני חדש“, קערט ער איבער די שטוב. טוישט ער די מלבושים, ווערט ער אַ דייטש, זי — אַ פראַנצומערקע; וואַרפט אַוועק דאָס שייטל. צוויי בנים געהאַט — פון חדר אַרויס אין גימנאַזיום אַריין! מען הייבט אָן משנה פנים צו זיין די שטוב... אַ ספרים־שאַנק געווען, ווער דאַרף ספרים? געשיקט אין בית־המדרש אַריין; אַ מתנה. די שאַנק — אַן אַלטע, צעהאַקט, אין קיך אַריין אויף קיהנדלעך געשיקט... די פלונית׳טע שטעלט אויף דעם אָרט אַ טרעמאָ. זי האָט זיך מיט אַמאָל ליב באַקומען, וויל זיך זען פון אויבן ביז אַראָפּ... מען רופט אַריין אַ „האַנדעל“. מען פאַרקויפט דאָס אַלטע מעבל בחצי חנם און מען קויפט „לודוויג דעם פירצענטן“ — קליין, חנ׳עוודיק, נאָר געבעט; אויסגעקרימטע פיסלעך, אָבער מיט בראָנז. אויף רעדלעך, אַ מחיה. מען האָט זיך מורא צו זעצן.

אַ ביסל אַלט זילבער געווען: אתרוג־פושקעלעך, בשמים שקעטעלעך, — פאַרקויפט אויף ברוך, צעשענקט דרשה־געשאַנק פאַר קרובים; געקויפט גלאָז, קרישטאָל... בלומען־טעפּ, וואַזן, כמנהג העולם — מאָדערן!

איז דאָך גלגל־חוזר — אין אַ צייט אַרום הייבט אָן גיין קאַפּויר, מיט דער פוטער אַראָפּ. די זין זענען שוין אין אויסלאַנד, מען האָט זיי נישט צו שיקן... קוים מען פראָלאָנגירט די וועקסעלעך... פון דער האַנט אַ גמילת־חסד קריגט מען נישט...

עס ווערט ערגער. מען קוקט זיך אום, נישטאָ עפּעס צו פאַרזעצן? דער „לודוויג דער פערצענטער“ איז צופאַלן... גלאָז און קרישטאָל — אויסגעהאַקט, צובראָכן... אַ פּאָר כלים געבליבן — מיט גיפּס צוזאַמענגעקלעפּטע...

לעבט מען אין דחקות...

אַז מען לעבט אין דחקות דערמאָנט מען זיך אַ ביסל אָן יידישקייט...
די פלוניתטע באָרגט ביי אַ שכנה אַמאָל אַ „צאינה וראינה“ און לייענט

דער פאַן סאַלאָמאָן, וואָס הייסט שוין צוריק שלמה זלמן, שטעלט זיך אַמאָל דאַוונען אין טלית ותפילין. און אַז עס קומט חנוכה, גלוסט זיך צו בענטשן חנוכה־ליכט...

ליכטלעך האָט מען ערגעץ אויסגעקאָשפּערט; מען לויפט אין קיך אַריין נאָך אַ שייטעל האָלץ, נישטאָ! פאַרפעלט אַפילו אַ קיהנדעל!

דערמאָנט זיך שלמה זלמן, אַז בשעת חדותא האָט ער געכאַפּט אַן אַלט חנוכה־לעמפּל און געוואָרפן אויף אַן אויוון.

— שלמה זלמן, — בעט זיך די פלונית׳טע, — נעם עס אַראָפּ...

גייט מען אויף מסירת נפש, שטעלט מען אַרויף אַ בענקל אויף אַ טיש, רוקט מען צו צום אויוון, עס טאַנצט, עס סקריפּעט. „לודוויג דער פערצנטער״ קרעכצט, די פלונית׳טע האַלט אונטער — אַראָפּגענומען...

פאַרשטויבט, קוים אָפּגעווישט — מען בענטשט...

דעם ערשטן, דעם צווייטן טאָג, אַזוי ביזן אַכטן טאָג — נאָר לייגן וועט מען זיך אָן וויעטשערע, איז אומעטיק. זיצט שלמה זלמן ביי איין זייט טיש, די פלונית׳טע — ביי דערצווייטער און מען טראַכט — אַ פּאָל פאַר הונגער אויסצוגיין!

קלינגט ווער, שפּרינגען ביידע אויף. עפנט מען. קומט אַריין אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, אַ מעקלער פון כל׳ערליי.

וואָס איז?

ער האַלט זיך קוים איין פאַר לאַכן. קיין וואַרשע איז אַ משוגענער ענגלענדער געקומען, אַ גלאַט־געגאָלטער, אָדער אפשר אַ נקבה אַ פאַרשטעלטע... קויפט אַלטע שברי־כלים. וואַרט אין הויז.

— זאָל ער אַריינגיין? מן־הסתם וועט זיך עפּעס געפינען... אַזאַ׳ן אַלטער בעל־הבית.

דאָס אַלט פאַר פאָלק קוקט זיך איבער. וואָס האָבן זיי פאַר אַלטע כלים? דער ענגלענדער קומט דערווייל אַריין; נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן; די טיר איז אָפן געשטאַנען. ער קומט אַריין, נעמט אַראָפּ די כובע, דערזעט דאָס חנוכה־לעמפּל, פאַלט צו ווי „צו אַ הייסן פּאַפּליניק״, כאַפּט עס אין די הענט אַריין, די הענט ציטערן, די אויגן בליצן...

— געזאָגט משוגע! מאַכט דער מעקלער.

— וויפיל? וויפיל? — פרעגט דער ענגלענדער אויף אַ צעבראָכן דייטש. קורץ און בקיצור, מען האָט דאָס חנוכה־לעמפּל פאַרקויפט. פאַרלאָזט זיך אויפן משוגענעם ענגלענדערס יושר און גענומען וויפיל ער האָט געגעבן.

ענגלענדער און מעקלער — אָפּ; דאָס פאַר פאָלק בלייבט.

— טאַקע משוגע! — מאַכט שלומה־זלמן.

— און אפשר — זאָגט די פלונית׳טע נישט דרייסט — אליהו הנביא? אין זכות פון חנוכה־ליכט בענטשן?...

סיי־ווי־סיי: געווען אויף וועטשערע, געווען אויף אָנבייסן, געווען אויך מיט וואָס צו גיין אין גאַס אַריין...



און דאָס געלד איז עפּעס מזלדיק געווען... דאָס רעדל הייבט זיך אָן צוריק צו דרייען. אַרויף!...

שלמה־זלמן ווערט צוריק פאַן סאַלאָמאָן...

און אַז עס גייט, גייט מיט אַלעם... באַקומט מען בריוו מיט נחת פון קינדער אין אויסלאַנד. אַליין זיך אויסגעאַרבייט. איינער אין לאָנדאָן, אַן אינזשעניר! גרויס! חתונה געהאַט! פאַרבעט צו זיך. זאָלן טאַטע־מאַמע קענען די שנור. פאָרט מען...

פרייט מען זיך אָפּ אַ צייט אין דער היים, דערנאָך נעמט מען באַקוקן לאָנדאָן... הייזער, פאַבריקן. דערנאָך טעאַטער, קאָנצערט־הייזער, אויסשטעלונגען.

פירט מען זיי איינמאָל אין אַ קונסט־הויז אַריין — אין אַ מוזעאום...

און שטעלט איך פאָר, ווי פאַרבליפט דאָס אַלטע פאָר־פאָלק איז געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך אין אַ זאַל, אונטער אַ גלאָז, געטראָפן אויג־אָן־אויג מיטן אַלטן חנוכה לעמפּל... דערקענט די אַלטע, לאַכנדיקע לייבן... די ביימלעך מיטן פייגעל... דאָס אויסגעדרייטע פּיסל, דאָס האַלב אָפּגעבראָכענע רעריל.

— נישט משוגע געווען! קלערט, אין ענגלאַנד שוין — מיסטער סאַלאָמאָן.

— און נישט אליהו הנביא! — די מיסטריס.

הויך רעדן, בפרט פרעגן פאַסט נישט פאַר דער יונגער שנור.

פאַרטראַכטן זיי זיך...

אפשר וועט איר אויך פאַרטראַכטן?

## אליהו פאלושאק

## פרץ׳עס וועלט-אנשויאונג, — געשיכטע און לעגענדע

(עסיי)

„די וועלט, מיט יידישע אויגן געזען
איז אַן אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדענע,
אָרגאַניזירטע און דעריבער מאָראַליש
פאַראַנטוואָרטלעכע וועלט״.
(י. ל. פרץ „וועגן וואָס פירן אָפּ
פון יידישקייט:).

פרץ׳עס וועלט איז געווען אַמאָל די וועלט פון אונדזערע זיידעס און טאַטעס, און האָט שפּעטער, אין די רייפערע יאָרן פון זיין שאַפן, אָנגענומען גאָר אַנדערע פאָרמען. פרץ׳עס וועלט־אַנשויאונג איז אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, געווען די וועלט־אַנשויאונג פון די משכילים פון זיין צייט, און איז שפּעטער, אין זיינע רייפערע יאָרן, געוואָרן די פרץ׳שע וועלט־אַנשויאונג.

פאַרהעלטנישמעסיק איז פרץ געקומען אַ שפּעטער צו דער יידישער לי־

טעראַטור. ווען זײַן „מאַניש" איז אין 1888 דערשינען אין שלום עליכם׳ס פאָלקס־ביבליאָטעק, איז ער שוין געווען אַ באַקאַנטער העברייִשער שרייבער.

אָבער מיט זײַן „מאַניש" האָט ער זיך באַלד דערוואָרבן אַ בכבודיקן פּלאַץ אין דער דעמאָלטיקער שרייבער־וועלט. „פון אַ נסתר, וואָס איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין אַ יידיש קליינשטעטל, ווערט פרץ אַ נגלה", שרייבט וועגן יענער צייט נחמן מייזל אין זײַן מאָנאָגראַפיע איבער פרץ. אָבער עס איז נאָך נישט דער פרץ, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אין זײַנע רייפערע און רייפסטע יאָרן פון זײַן שאַפן, דער גרויסער מייסטער פונם יידישן וואָרט און יידישן געדאַנק, דער פאָלקס־קעמפער און פאָלקס־טריבון, ווי ער האָט געלעבט אין געשיכטע און לעגענדע פאַר גאָר גרויסע מאַסן פון אַמאָליקן פוילישן יידנטום.

שוין אין יענע צייטן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז פרץ פאַר אַלע יידישע פאָלקס־שיכטן אין פוילן געווען אַ שטיק לעבעדיקע לעגענדע. אין אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך, אין בית המדרש, אין קלייז, אין ליטעראַרישע צירקלען און פרייע קרייזלעך, אַפילו אין מרחץ, האָט מען זיך אַנדערציילט אַלע מעגלעכע און אוממעגלעכע מעשיות און סברות איבער אים, זײַנע ווערטלעך און לעבנס־שטייגער. מען האָט פּרובירט אויסצוטייטשן זײַנע דערציילונגען, פאָלקסטימלעכע געשיכטן, זײַן חסידיש, זײַנע אויפזאַצן און פעליעטאָנען. כאָטש אָפענע און באַהאַלטענע קעגנער און נישט פאַרגינערס האָבן אינטענסיוו געאַרבעט צו פאַרמינערן פרץ׳עס אָנזען און פּרעסטיזש ביי די גרויסע יידישע לייענער־מאַסן, איז ער, דער שאַפענדער און בויענדער פרץ, געווען די צענטראַלע פיגור אין דער יידישער ליטעראַטור.

דעמאָלט אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט מען נאָך נישט קיין סך גערעדט וועגן דער סעקולאַריזאַציע פונם יידישן לעבן, וועגן אַן אָפענעם קאַמף פאַר אַ יידיש־וועלטלעכער קולטור. כאָטש ביידע, סעקולאַריזאַציע און יידיש־וועלטלעכע קולטור זײַנען שוין בולט געקומען צום אויסדרוק אין דער יונג־יידישער (און אויך העבראַישער) ליטעראַטור. ס׳איז געווען די צייט פון דער גרויסער פינצטערער רעאַקציע נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע 1905. יעדע פּראָגרעסיווע און פריי־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, באַזונדערס די סאָציאַליסטישע, איז געווען אומלעגאַל, קאַמופלאַזשירט אָדער אונטערערדיש. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג איז שוין געווען אַ יש. אַ זאַך, וואָס האָט עקזיסטירט. דער „בונד", דער הויפּט־טרעגער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך נישט מער געראַנגעלט אין דער שפּראַכן־פּראַגע: יידיש־לשון איז אָפן און קלאָר געוואָרן אַנערקענט און פּראָקלאַמירט אַלס מיטל און ציל. פּאָליטיש האָבן זיי, די פאַרטרעטער פונם יידישן סאָציאַליזם, זיך נישט געקאָנט באַשטעטיקן עפנטלעך. נאָר אויף איין געביט איז באַשטאַנען אַ מעגלעכקייט זיך לעגאַל צו באַשטעטיקן — אויפן געביט פון יידישער קולטור. און אויך דאָ האָט די טעטיקייט געמוזט טראָגן אַן אומפּאַרטייִשן כאַראַקטער, זײַן קאַמופלאַזשירט אָדער אין קאָאַליציע מיט אַנדערע „כשרע" גרופּעס.



יידישע ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אין פּראָצעס פון ווערן, וואַקסן און אַנטוויקלונג. די דעפיניציע „זשאַרגאָן" האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן אין די שאַפונגען פון די, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו יידיש אַלס לשון און אַלס דערציאונגס־מיטל. מען האָט שוין געהאַלטן ביים צווייטן דור פון אַ מאָדערנער יידישער תקופה און דער אָנהויב פון אַ נייער עפּאָכע אינם יידישן לעבן פון מזרח אייראָפּע. יידישע ליטעראַטור איז שוין געווען עפּעס וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פעסט אַרײַנצופלאַנצן אינם יידישן לעבן. מען האָט שוין אָנגעהויבן צו רעדן פון אַ געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס הייבט זיך אָן מיט קלאַסיקער: מיט מענדעלן דעם סאַטיריקער, וואָס ווענדט זיך צו אונדז אוממיטלבאַר צו אונדזער אינטעלעקט, מיט שלום עליכם דעם הומאָריסט, וואָס פאַרכאַפּט מיט זײַן ברייטקייט אונדזער גאַנץ געמיט, און פרץ, דער אומרואיקער זוכער און גריבלער, וואָס ווענדט זיך צו אונדזער אינערלעכקייט און נשמה.

מענדעלע איז שוין געזעסן אויף דער יום־טובדיקער פּאָליצע. חוץ דער באַאַרבעטונג פון „שלמה ר׳ חיים׳ס" איז זײַן ליטעראַריש לעבנס־ווערק שוין געווען אַן אָפּגעשלאָסענע זאַך. געשיכטע און לעגענדע האָבן שוין אין זײַן לעבנס־צייט געוועבט דעם פאַרדינטן לאָרבער־קראַנץ אַרום זײַן שיינעם קאָפּ. שלום עליכם, דער זיגער אינם משפּט קעגן שמרן, איז זיך, כאָטש שווערייקייטן און זאָרגן פון מלחמת הקיום, געגאַנגען זײַן גראַדליניקן וועג און געשאַפן די אומפאַרגעסלעכע געשטאַלטן פון טוביה דער מילכיקער, מנחם מענדל און מאָטל בן פּיסה החזן. עס איז געווען פרץ, דער דינאַמישער און אומרואיקער גייסט, וואָס איז געווען אומצופרידן מיט אַלץ און מיט אַלעמען, און וואָס האָט מיט זײַן חוש און נשמה פאַרשטאַנען, אַז אינם יידישן לעבן פון דער דעמאָלטיקער צייט האַנדלט עס זיך מער, ווי וועגן שאַפן און אויסבויען אַ יידישע ליטעראַטור פאַרן יידיש־לייענער. דער נײַנצענטער יאָרהונדערט מיט זײַנע ליבעראַליסטישע אידעען האָט אויפגעלעזט דעם גייסטיקן געטאָ, אין וועלכן עס האָבן געלעבט מיליאָנען יידן. די השכלה, כאָטש זי האָט (אַפילו טיילווייז) נישט געלעזט און נישט געקענט לעזן די שווערע פּראָבלעמען פון איר צייט, האָט זי אַרײַנגעבראַכט אַ נייעם נוסח, וואָס האָט אָנגעהויבן משפּיע צו זײַן דאָס יידישע לעבן; אַ נוסח, וואָס האָט אָנגענומען וועלטלעכע פאָרמען, און פון וועלכן ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער זענען געוואָרן וויכטיקע פאַקטאָרן.

דאָס איז געווען אינערלעך. אויסערלעך האָט דער גרעסטער טייל פונם יידישן ישוב אין רוסלאַנד, פוילן און ליטע געלעבט אין די שטעטלעך פונם תחום המושב. דער יידישער מענטש איז געוואָרן אויסשליסלעך אַ שטאָט־מענטש. דערצו זענען צוגעקומען יעדן טאָג און יעדע וואָך נייע באַגרענעצונגען, ווילקיר און נאַגאַיקע, פּאָגראָמען און רדיפות האָבן אַרײַנגעבראַכט פּאַניק און אומרואיקייט אין די יידישע שטובן. עס איז געווען דער פּראָצעס פון פאַראָרעמונג און פּראָלעטאַריזירונג פון די יידישע מאַסן.

רעכטלאָזיקייט, פאַראָרעמונג און פראָלעטאַריזירונג פון די יידישע מאַסן האָבן נאַטירלעך און קאָנסעקווענט אַרויסגעבראַכט נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פראָבלעמען, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען. עס איז די געבוירן־שעה פון פאָליטישן ציוניזם און זעלבסטשטענדיקער יידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון פאַרשידענע שאַטירונגען.

אָט אין יענער צייט האָט פרץ געלעבט און געווירקט אין וואַרשע (דער גרעסטער יידישער קהלה אין אייראָפע), אַ לעבעדיקער קאָכעדיקער שטאָט מיט אַ קאָכעדיקן יידישן ישוב, פאַרבנרייך אין אַלע שאַטירונגען פון איר לעבן, אַ מאָזאַאיק פון חברות, שולן, בתי מדרשים און „שטיבלעך"; פאַראיינען, אָרגאַניזאַציעס און אָפענע און באַהאַלטענע פאָליטישע גרופן.

עס זענען געווען פיר הויפט־שטרעמונגען, וואָס האָבן באַהערשט דאָס יידישע לעבן פון דעמאָלט און האָבן סאָציאַל, קולטורעל און פאָליטיש באַאיינפלוסט די יידישע גאַס: אָרטאָדאָקסיע, אַסימילאַציע, ציוניזם און סאָציאַליזם. עס האָט געפעלט די אַלגעמיין־יידישע פאָלקס־אידעע.

און פרץ פרעגט: ווער אַרבעט אין נאָמען פון אַ יידישער וועלט־אַנשויאונג?"

און ענטפערט:

„בויט דער אַסימילאַטאָר אין זיין ווינקעלע און לייגט די פונדאַמענטן פון זיין גליק אויף פרעמד לייטזעליקייט. אויף אַ שאָטן פון אַ שמייכל אויף אַ פרעמד פנים און וווּנדערט זיך, וואָס פון זיינע נעכטיקע פּאַלאַצן זענען היינטיקע חורבות געוואָרן. לייגט ער זיינע יונגע און פרעמדע נעסטן אַריין, האָפנדיק, אַז פרעמדע וועלן זיי פאַר אייגענע האַלטן און וואַרעמען, און שפייזן און לערנען פליען און מיטנעמען מיט זיך אין דער פרייער וועלט אַריין, און וווּנדערט זיך, אַז די עופהלעך, קוים האָבן זיי פעדערן, אייגענע פעדערן באַקומען, זענען דערקענט געוואָרן און פון נעסט אַרויסגעשטויסן...

„בויט דער פרומער ייד אין זיין ווינקעלע אויף גאָטס גענאָד, און בויט נישט, נאָר צוימט. איז דאָס יידישעהויז ביי אים אַן אַלטע חורבה געוואָרן, נאָר אַ הייליקע, צו וועלכער ער מיט זיינע מענטשלעכע הענט טאָר זיך נישט צורירן, אַפילו קיין פענצטער עפענען, קיין שטויב נישט אָפרייניקן, און איז נאָר מיטן צוימען פאַרנומען...

„ווינט ער נישט אין יידיש־הויז, לעבן לעבט ער אין דרויסן, אַרבעטן אַרבעט ער ביי דער צוים, און וווּנדערט זיך, אַז זיינע לייכטפיסיקע קינדער, נישט האָבנדיק קיין אייגן הויז צום לעבן, שפרינגען איבער דעם צוים אין הפקר־וועלט אַריין און פאַרשווינדן ערגעץ אין דער ווייט, — וויינט ער און זעצט זיך נאָך זיי שבעה.

„און דאָס אַזוי־גערופענע „לינקע" בויט פאַר זיך. ציטערט ווי אַ שד פאַר אַ מזוזה, ווען מען דערמאָנט אַן כלל־ישראל, פאַלט אין זיבעטן שווייס אַריין פאַר כלל־ישראל פאָליטיק, און גלאָצט מיט אויגן אין דער צוקונפט אַריין, אָפוואַרטנדיק אַ ספעציעלן פּראָלעטאַרישן משיח.



„נאָר זיי ווערן אויסגעלייזט, די רעשט וואַרפט ער פאַר די כלבים...

„די רעשט וואַרפט ער אויף פרעמדע הענט אויך דער ציוניסט, אויך דער טעריטאָריאַליסט און אויך דער העברעאיש־ריידער.

„יעדערער האָט זיך פאַרנומען אין זיין ווינקעלע אַריין, זיין ירושלים, זיין מזבח און זיין פאָלק, און די רעשט מפקיר געווען..."

דאָ וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז פרץ רעדט אויך פאַר דער איצטיקע צייט. דאָס זיינען „געדאַנקען אין דער וועלט אַריין", אָנגעשריבן נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט. עס האָט זיך געשפירט אַ שטאַרקע ענגשאַפט און געדריקטקייט אויף דער יידישער גאַס. די פאָליטישע רעאַקציע האָט באַרויבט דעם יידישן מענטשן פון יעדן לעבנס־אָטעם, און אַרום זיך האָט פרץ געזען קליינע מענטשלעך מיט קליינע השגות, און ער רופט אויס:

„און קיינמאָל האָט דאָס בלוטנדיקע יידישע האַרץ נישט אַזוי געבענקט צום נביא, ווי היינט. צום נביא, וואָס זאָל זיך שטעלן אויפן שפּיץ פון העכסטן באַרג, די וועלט זען און די יידישע וועלט־נשמה אין איר אָנטפּלעקן; וואָס זאָל צו די בויער רופן אין נאָמען פון דער יידיש־פאַרשטאַנען און געפילטער וועלט. און זאָל יעדן אויסטיילן זיין אַרבעט פון אַלגעמיינעם, פון דער יידישער וועלט־נשמה אַרויס, יעדן פאַר זיין ווינקעלע, פאַר זיינע הענט, לויט זיינע כחות און יעדן אָנווייזן זיין בוי־מאַטעריאַל..."

פון דעם דאָ געזאָגטן שפּירן מיר בחוש, אַז עס שיילט זיך דאָ אויס אַ יידיש־נאַציאָנאַלע וועלט־אַנשויאונג, וואָס דאַרף ווערן באַשטאַנדטייל און לעבנס־פּראָגראַם פון אַלע יידישע שיכטן, וואָס גלויבן אין קיום האומה.

אָבער גאָר אַנדערש האָבן געדאַכט יענע קרייזן, וועלכע האָבן געשפירט, אַז מיט פרץ'עס אַרויסטרעטן פאַר אַ צענטראַלע נאַציאָנאַל־יידישע אידעע „דאָ אין גלות" קענען נאָך צעשטערט ווערן זייערע אייגענע פאָליטישע אַספּיראַציעס. די פּוילישע פּרעסע האָט אָנגעהויבן צו טענה'ן, אַז דער יידישער נאַציאָנאַליזם וויל שאַפן אַ „פאַנסטוואָ וו' פאַנסטוויע", אַ מלוכה אין דער מלוכה, און ווען „באחרים הימים" פוילן וועט באַקומען איר פּאָליטישע סוווערעניטעט וועלן זיי די פּאָליאַקן דאָס נישט צולאָזן. די אַסימילאַטאָרן האָבן געשריען: „וועקט נישט אויף אונדז דעם צאָרן פון פּוילישן פאָלק. עס וועט אונדז אויסהונגערן, דאָס פּוילישע פאָלק!" (פרץ אין זיין עסיי: „זייט רואיק"). ווייטער האָבן זיי געטענה'ט, אַז פרץ וויל פאַראייביקן דעם געטאָ. דער קאַמף און אָפּאָזיציע קעגן פרץ'ן איז אַזוי אָנגעגאַנגען כמעט ביז צום סוף פון זיין לעבן. איינער פון די אָנגעזעענע פאַרטרעטער פון דער וואַרשעווער אַסימילאַציע מיטן נאָמען אַדאָלף פערעטץ (וואָסער צופאַל אין די נעמען) האָט אַפילו אַריינגעשיקט אַ בריוו צו דער וואַרשעווער קהלה, ווו פרץ האָט געאַרבעט אַלס רעכנמייסטער (ראַכמיסטרז), אַז זי זאָל פאַרווערן אירע באַאַמטע זיך צו באַשעפטיקן פאָליטיש, ווייל „אין די רייען פונם קעמפנדן יידישן נאַציאָנאַליזם געפינען זיך צוויי באַאַמטע פון דער גמינע־פאַרוואַלטונג".

נישט קלענער איז געווען די קעגנערשאַפט צו פּרץ׳ן אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן מצד די ציוניסטן, וועלכע האָבן געזען אין דער אויפלעבונג פון אַ יידישער ליטעראַטור, פון וועלכער פּרץ איז געווען און געוואָרן דער גרעסטער און אָנגעזעענסטער וואָרטפירער, און פון אַ צענטראַלער יידישע פאָלקס־אידעע אַ געפאַר פאַר דער פאַרשפרייטונג פונם ציוניסטישן געדאַנק, און האָבן פאַרגעוואָרפן, אַז ער, פּרץ, וויל פאַראייביקן דעם גלות. און ס׳איז אויך נאַטירלעך, אַז די יידישע אָרטאָדאָקסיע, כאָטש זי האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר זיין שאַרפן קאָפּ און זיין „חסידיש״, האָט זיך מייסטנס געשטעלט קעגן פּרץ׳עס נאַציאָנאַל־יידישער וועלט־אַנשויאונג, און איז אין אַלגעמיין־פּאָליטישע פראַגן געגאַנגען מיט די „פּאַנעס״ פון דער אַסימילאַציע.

און עס מוז דערמאָנט ווערן, אַז דעמאָלט זענען אַנטשטאַנען די לעגענדעס, אַפילו אין לינקע קרייזן, וועגן פּרץ׳עס אַפּטריניקייט צו זיינע פריערדיקע פּראָגרעסיווע און סאָציאַליסטישע אידעאַלן, אין די צייטן פון פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען ער, פּרץ, דער מאָדערנסטער און אייראָפּייִשסטער פאַרטרעטער פון דער דעמאָלטדיקער יידישער ליטעראַטור, האָט זיך געפונען אין חברות מטין „בונד״ און זיינע פאַרטרעטער, דער יונגער יידישער אַרבייטער־פּאַרטיי, דער פּראָגרעסיווסטער און מייסט־אייראָפּייִשער גרופּע אינם יידישן לעבן פון דעמאָלט. נאָך ביז צום היינטיקן טאָג זענען דאָ מענטשן מיט אַ צוגאַנג צו יידישער ליטעראַטור, וואָס ראַנגלען זיך פון איין פאַל צום צווייטן, פונם נעגאַטיוו צום פּאָזיטיוו, אין זייער מיינונג וועגן פּרץ און זיין וועלט־אַנשויאונג. עס זענען דעמאָלט געווען גענוג האַלב־אינטעליגענטן, וועלכע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין פּרץ׳ס „צוריק צו דער ביבל״ אָדער זיינע מאמרים איבער „וועגן, וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט״. זיי האָבן נישט משיג געווען, אַז „די וועלט, מיט יידישע אויגן געזען, איז אַן אָרגאַניש צוזאַמענגעבונדענע אָרגאַניזירטע און דעריבער מאָראַליש פאַראַנטוואָרטלעכע וועלט״.

„צוריק צו דער ביבל״ הייסט נישט: בלייבן שטיין ביי דער ביבל״.

„יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט: איבעראַל אויף דער גאַנצער יידישער וועלט און אין אַלע צייטן; קיין איינציקן עכט־יידישן מאָמענט נישט אויסגעמעקט.

„יידיש איז אונדזער, אונדזער איינאיינציקער וועג צום מענטש, צום געטלעכן מענטש, צום מענטשלעכן גאָט.

„אין ערגעץ־נישט פאַרשטיינערט, אין ערגעץ־נישט פאַרגליווערט ווערן, אין ערגעץ־נישט בלייבן שטיין״. אָטאָ דאָס לערנט אונדז פּרץ אין יענע צייטן.

„יידישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש, נאָר דינאַמיש״. און דאַריבער איז עס געווען נאַטירלעך, אַז אין די צייטן פונם אויפבלי און אויפשוווּנג פון דער יונג־יידישער ליטעראַטור, ווען די השכלה און אירע פאַרטרעטער האָבן געהאַט אויסגעשפּילט זייער שפּיל, און עס איז אויפגעקומען, געשאַפן דורך צייט, אומשטענדן און באַוועגונגען אַ יידיש־סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג, פאַרוואָרצעלט אינם יידישן לעבן און יידישן שאַפן, — אַז זיי ביידע,



די יידיש־רעדנדיקע און יידיש־דענקענדיקע פּראָגרעסיווע יידישע אַרבעטערשאַפט האָט געשלאָסן אַ גייסטיקן שדוך מיט דער יידישער ליטעראַטור בכלל און מיט אַבאַ מין פּראָגרעסיוון דינאַמישן כוח אין דער דאָזיקער ליטעראַטור, ווי פּרץ, בפרט.

נישט נאָר יידישקייט. קיין שום באַוועגונג מיט אַ גייסטיקן אינהאַלט טאָר ווערן גענומען סטאַטיש, נאָר דינאַמיש. „אין ערגעץ נישט פאַרשטיינערט״. אין דער צייט פון דעם שדוך פון אַ ניי־אויפשטייגענדיקן כוח אינם יידישן לעבן מיט דער יידישער ליטעראַטור האָט געזיגט די פינצטערע רעאַקציע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע כוואַליע פון עמיגראַציע, און דאָרט אויפן אָרט אין פּוילן, ווו פּרץ האָט געלעבט און געשאַפן האָבן געהויזט דריי מיליאָנען יידן, אַרומגערינגעלט פון דעם איין־אונטערדריקטן פּוילישן פאָלק, און מחוץ פּוילן, אין די אַנדערע טיילן פונם תחום המושב און אין דער גרויסער אוקראַינע, האָבן געלעבט אַן אַנדערע דריי מיליאָנען יידן, אינגאַנצן די העלפט פונם יידישן פאָלק, אונטער די שווערסטע באַדינגונגען.

דעמאָלט, אין די יאָרן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער הערשאַפט פון דעם לעצטן ראָמאַנאָוו, האָט עפּעס אומרואיקס געשוועבט אין דער לופט. פון וולאַדיוואָסטאָק ביז צו דער אַלטער דייטשער גרענעץ האָבן אַלע פעלקערשאַפטן פון דער אַלטער צאַרישער אימפּעריע מיט זייער חוש געשפּירט, אַז עס מוז אַמאָל קומען אַ סוף צו דער בלוטיקער טיראַניי פון צאַריזם. די געמעסיקטע פּאָליאַקן האָבן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון אַן אויטאָנאָמיע פאַר פּוילן, ראַדיקאַלע גרופּן האָבן געחלומט, אַז ווען די „פּוילישע שכינה״ וועט באַפרייט ווערן פון גלות, וועלן זיי אויפבויען אַ גרויסע „זשעטשיפּאָספּאָליטאַ פּאָלסקאַ״ מיט אַלע הערלעכקייטן פון אַמאָל. ווו דער פּוילישער פּריץ, מאַגנאַט און אינדוסטריאַליסט וועלן הערשן לויט זייער אַלטן נוסח; ווו די פּוילישע קולטור און פּוילישער גייסט וועלן זיין דאָמינירענדיק און ווו אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן וועלן צושמאָלצן ווערן אינם הייליקן פייער פון דער „מאַטשיעזש פּאָלסקאַ״ (פון דער מאַמע פּוילן).

אָט אין יענע צייטן פון גרויסע פאַרענדערונגען אין און אַרום דעם יידישן לעבן איז אַנטשטאַנען פּרץ׳עס נאַציאָנאַל־יידישע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע איז געשטאַנען אין סתירה צו די אני מאמינס פון אַנדערע גייסטיקע און פּאָליטישע גרופּעס פון דער דאָמאָלטיקער צייט; אַ וועלט־אַנשויאונג, צוגעפּאַסט צו די פאַרענדערטע אומשטענדן פון דער צייט. און וואָס האָט געזאָלט דינען נישט קיין באַשטימטער גרופּע, נאָר דעם כלל.

פּרץ דעפינירט אונדז אויף זיין אופן, אַז מיר יידן זענען אַ וועלט־פאָלק, און אַלס וועלט־פאָלק מוזן מיר האָבן אַ נאַציאָנאַל־יידישע וועלט אַנשויאונג. און ער זאָגט:

„יידישקייט איז די יידישע וועלט־אַנשויאונג.

„און ווילט איר:

„די וועלט־אידעע, וואָס זוכט איר פאַרקערפּערונג אין דער מאַטעריע, אין דער געשטאַלט, אין וועלכער זי שלאָגט זיך אָפּ אין דער יידישער נשמה.

„יידישקייט איז דאָס —

„וואָס באַשאַפט, אין צייטן פון זעלבסשטענדיקייט, פרייהייט און מאַכט, אינסטיטוטן צו איר אַנטפּלעקונג און פאַרקערפּערונג, און דעמאָלט איז זי — — פרייד און גליק, עולם הזה.

„וואָס באַשאַפט אין צייט פון שטרייט, — אינסטיטוטן צום אָפּוער, צום פאַרהיטן, צום שיצן, זיך און די איריקע, און דעמאָלט איז זי קאַמף און העלדנגעזאַנג". („וועגן וואָס פירן אָפּ פון יידישקייט").

אָט די דאָזיקע שאַרפער ווערטער זיינען דעמאָלט, און אויך שפּעטער, נישט פאַרשטאַנען געוואָרן פון די ענג־פּאַרטייאישע ציוניסטישע קרייזן, וועמענס טעטיקייט ס'האָט געפירט צו אַן אָפּשוואַכונג פון נאַציאָנאַלע און גייסטיקע כחות אויפן אָרט. עס איז נאָך היינט, אפשר מער נאָך ווי דעמאָלט, פאַר ציוניסטן אַקטועל זיך צו פאַרטראַכטן אין די ווערטער, וועלכע פּרץ האָט געשריבן מיט יענע 40 יאָר צוריק אין זיין אַרטיקל „נאַציאָנאַליזם און ציוניזם":

„ביי אונדז, אויב מיר ווילן געטריי זיין זיך אַליין, איז די לעבנס־פראַגע: געוויסנס־פרייהייט, מענטשלעכע קולטור און עטיק. דאָס זענען די איינציקע באַדינגונגען פון פרייען אויסלעבן זיך און זיגן. אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד צו רעטן אויף אַ באַזונדערן פלאַץ נאַציאָנאַלע פיזיאָנאָמיע איז העכער פאַר אונטערוואַרפן זיך און איבערגעבן די פאָן. מיין אידעאַל אָבער איז קאַמף און זיג. דאָס גלות איז דאָס שלאַכטפעלד, איך קען עס דעריבער נישט פאַרלייקענען.

„נישט וואר ווערט אָבער דער ציוניזם, ווען ער שטעלט זיך פאַר אַלס רעטונג פאַרן גאַנצן פאָלק. צוריק אין וויג אַריין גייט נישט קיין דערוואַקסענער מענטש, און נאָך ווייניקער אַ גרויס אַנטוויקעלט פאָלק. און אומסימפּאַטיש ווערט ער, ווען ער דערקלערט די רעטונג אויסשליסלעך פאַר די, וואָס ווילן נישט אָדער קענען זיך נישט אַסימילירן". דאָס איז דער שפּאַלט אין אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער פעסטונג. דאָס איז די פאַרלייקענונג פון דער אַל־יידישער נאַציאָנאַליטעט".

פון דעם אַלעם דאָ־געזאָגטן קומט קלאָר און דייטלעך אַרויס די גרויסקייט פון פּרץ'ס וועלט אַנשויאונג; אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס האָט ברייט אַרומגענומען אַלע אַספּעקטן פון אַ וועלט־פאָלק, וואָס האָט צו לעבן און צו קעמפן אונטער שווערע באַדינגונגען, און וואָס וויל שאַפן אַ נאַציאָנאַל־גייסטיקע פעסטונג פון דער „אַל־יידישער נאַציאָנאַליטעט".

עס איז דאָ נישט דער אָרט צו פירן אַ פּאָלעמיק קעגן דעם אָפיציעלן ציוניזם פון פאַרשידענע שאַטירונגען, און עס איז אויך נישט מיין אויפגאַבע. איך האָב נאָר פּרובירט, אַזוי ווייט ס'איז מעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל, אָנצודייטן די וויכטיקייט פון פּרץ'ס גייסטיקן און נאַציאָנאַל־יידישן אַני־מאמין, וועלכער האָט אויך היינט צו טאָג נאָך נישט פאַרלוירן זיין אַקטועליטעט; אַן אַני־מאמין, אויף וועלכער עס איז אויפגעבויט נישט נאָר פּרץ'ס וועלט־אַנשויאונג,



נאָר אויך פּרץ'ס יידישער קולטור־אידעאַל; אַ דינאַמישע יידישקייט, וואָס פאַרלייקענט נישט דעם נעכטן, שאַפט פאַר דעם היינט און בויט פאַר דעם מאָרגן; וואָס נעגירט נישט דעם גלות און שאַפט פון אים אַ גייסטיקן וואַקואום, ווי דאָס איז צום טייל שוין געשען אין איינצעלנע יידישע ישובים.

פּרץ'ס יידישקייט איז נישט סטאַטיש, נאָר דינאַמיש, און זיין אידעאַל איז קאַמף און זיג.

---

## בן-א. סאכאטשעווסקי

### אַן אָוונט מיט י. ל. פּרץ

(רעמיניסצענצן)

עס איז נאָך געווען אין די שוין איצט ווייטע יאָרן, ווען דער יונגער דיכטער האָט אַרויסגעקוקט מיט יראת הכבוד צו יענע שרייבער און דיכטער, וואָס האָבן שוין גע'שם'ט אין דער יידישער ליטעראַטור. עס זיינען געווען מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, חיים נחמן ביאַליק, אברהם רייזין, מאָריס ראָזנפעלד, און אַ רייע אַנדערע, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט באַפעסטיקט אין זייער רום.

י. ל. פּרץ איז געווען דער אַנדערשדיקער, אַ דיכטער אָן אַן איינהיטלעכער ליניע, אַ מענטש פון הויך־גייסט, וועלכער איז געשוווּמען צווישן הימל און ערד, חסידות, דבקות, עקסטאַז און וואַכעדיקייט. נאָר אין אַלעם האָט ער אַריינגעטאָטעמט אומרו און שיינקייט.

זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָפּט צובליצט, געזוכט אַ וועג צו דער העכסטער דערהויבנקייט, געוואָלט אַריינדרינגען אין די סודות, וואָס זיינען פאַרבאָרגן פון די מענטשלעכע חושים. און דאָך האָט פון זיין גאַנצן שאַפן זיך אַרויסגעפילט רעאַליטעט.

עס איז געווען שווער צו באַשטימען די ליניע אין זיינע ווערק, און אפשר דערפאַר האָט ער אַזוי שטאַרק געלאָקט דעם געדאַנק פון די יונגע שרייבער און דיכטער, וועלכע זיינען טיילמאָל פאַרכאָפּט געוואָרן פון זיין מיסטיק, פון זיינע נישט אַרויסגעזאָגטע מחשבות אין פּשטות, פון זיינע פיינטעלעך דורך וועלכע מען האָט זיך באַמיט צו דערגיין וואָס פּרץ, דער גרויסער פּרץ האָט אייגנטלעך געוואָלט אַרויסזאָגן.

אָבער נישט בלויז אין זיינע ווערק איז פּרץ געווען דער אַנדערשדיקער, דער גרויס־גייסט. נאָר אויך זיין פּערזאָן איז געווען אַזוי אַנדערש. זעלטן געשמייכלט, זיין פּנים האָט געשיינט צו זיין ערנסט, און בלויז זיינע אויגן האָבן פונקט ווי זיינע געדאַנקען צושאָטן פונקען אַרום זיך.

ווי גוט עס געדענקט זיך נאָך יענער אָוונט, ווען פּרץ איז געקומען פון וואַרשע האַלטן אַ רעפעראַט אין דעם לאָדזשער הזמיר. דער ריזיק גרויסער זאַל

איז געווען איבערגעפּאַקט נישט בלויז פון יוגנטלעכע נאָר אויך פון עלטערע מענטשן. די טעמע איבער וועלכער דער גרויסער דיכטער האָט רעפערירט האָט גראָד נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות צו דער מיסטיק און טיף פאַרשטיין פון חסידיזם. ער האָט גערעדט וועגן שרייבער, דאָס בוך און דעם לייענער. עס געדענקט זיך אָבער שוין נישט גענוי אויב זיין רעפעראַט איז געווען אַן אָנגעשריבענער, אויב ער האָט זיך באַנוצט מיט נאָטיצן אָדער זיין גאַנצע רעדע איז געווען אימפּראָוויזירט.

אַ שטילקייט איז געהאָנגען איבער דעם זאַל, נאָר בלויז פּרץ'ס רייד האָבן זיך אַרומגעטראָגן, צוקלונגען ווי די טענער פון אַ ליד, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיין שאַרפער פונקן־שפּריצנדיקער בליק האָט אַלעמען ווי היפּנאָטיזירט.

דער שרייבער איז דער כוח, וואָס ברענגט אַרויס נישט בלויז דעם געדאַנק, נאָר אויך דעם גוף, דעם כאַראַקטער, ליידן און האָפנונגען פון מענטש, אין וועמענס נשמה ער קוקט אַריין, און דאָס בוך איז דער קערפּער, דער ממשות, דער ענדלעכער פאָלקאָמענער צוזאַמענגוס פון פאַרשידענע מאָמענטן אין אַן איינהייט.

דער לייענער איז דער קאָנסומענט, דער קריטיקער, דער מענטש וואָס געפינט זיך אַפּט אַליין אין דעם בוך, ווייל צווישן שרייבער און לייענער איז דאָ אַ קליינע מחיצה, וואָס באַשטייט אין דעם, וואָס דער ערשטער זעט און דער אַנדערער דערקענט זיך. איינער נויטיקט זיך אין אַנדערן און איינער איז אָפּהענגיק פון אַנדערן.

אפשר זיינען די ווערטער פון זיין מויל געווען אַנדערש, נאָר דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם אינהאַלט, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון דעם דיכטערס בליק־געדאַנקען צו וועלכע מען האָט זיך צוגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

די אויגן פון דער גרויסער מאַסע פאַרזאַמעלטע זיינען געווען ווי צוגעשמידט צו דער פּלאַטפאָרמע אויף וועלכער פּרץ איז געשטאַנען און גערעדט.

עס האָט זיך בעת מעשה אויך אויסגעדאַכט ווי דער נידעריק געוואַקסענער פּרץ וואָלט וואָס אַמאָל אַלץ העכער אויסגעוואַקסן, פאַרנומען דעם גאַנצן שטח אַרום זיך, און בלויז אים אַליין האָט מען געזען, כאָטש ביי דעם פּלאַטפאָרמעטיש זיינען אויך געזעסן אַנדערע, די הויפּט אָנפירער פון הזמיר פאַראיין.

פּרץ'ס לאַנגע שוואַרצע וואָנצעס האָבן זיך באַוועגן מיט יעדן וואָרט וואָס זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעבראַכט. און עס האָט אויסגעזען ווי ער און די פּלאַטפאָרמע אויף וועלכער ער איז געשטאַנען וואָלט זיך צוזאַמען מיט אים אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער.

מען האָט צו אים אַרויפגעקוקט פונקט ווי ער וואָלט אַראָפּגערעדט פון עפּעס אַ הויכקייט צו די פאַרזאַמעלטע, וואָס זיינען געזעסן אָדער געשטאַנען טיף אונטער אים.

עס קען אָבער זיין אַז דאָס אַלעס איז בלויז געווען אַזאַ איינדרוק אין די



אויגן פון אַ נאָך גאָר יונגען דיכטער, וואָס האָט באַטראַכט פּרץ'ן ווי אַזעלכן פאַר וועמען רום האָט שוין אַוועקגעשטעלט דעם העכסטן פּעדעסטאַל.

פּרץ'ס אַ וואָרט, פּרץ'ס אַ מיינונג האָט געהאַט אין זיך דעם כוח פאַר באַגייסטערונג, דעם געהיימען רוף צו שאַפן עפּעס גרויסעס כדי זיך צו קענען דערהויבן, און פאַרנעמען כאָטש אַ קליינעם שטאַפּל פון זיין הויכן רום־לייטער.

פּרץ'ס חסידות איז געווען דער הערלעכסטער רעפלעקטאָר אין דעם פּויליש־יידישן לעבן. ער האָט געגעבן אַ תיקון צו די טיפסטע געדאַנקען פון יענע, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַהעפטן מיט אייביקייט, מיט די פאַרבאָרגענישן אין קבלה, כדי צו קענען אַריינקוקן אין די אַלע ליכטיקייטן פון געטלעכן באַשאַף.

ער האָט גערעדט וועגן שרייבער, בוך און לייענער, און דאָך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין יעדן וואָרט איז דאָ גאַנץ עפּעס אַנדערש, אַז זיין איינפאַך וואָרט איז נישט מער ווי אַ לבוש אונטער וועלכן עס באַהאַלטן זיך פאַרשידענע פאַרבאָרגענע מחשבות.

אַזוי האָט געפילט אַ יונגער דיכטער, וועלכער האָט אַרויפגעקוקט צו פּרץ'ן ווי צו אַ מענטש פון אַ גאָר אַנדערער וועלט, ווי צו איינעם וואָס האָט זיך נישט בלויז דערוואָרבן רום, ליבשאַפט, נאָר וועלכער לעבט אין כסדר'דיקער גייסטיקייט, און ברענגט אַרויס פון זיין מוח און נשמה די שענסטע אוצרות אין דער ליטעראַטור פון זיין פאָלק.

דאָס איז געווען דער איינדרוק פון יענע ווייטע טעג, אין יענעם אָונט, ווען פּרץ האָט געהאַלטן זיין רעפעראַט אין דעם לאָדזער הזמיר פאַראיין.

עס איז אויך געווען שעצונג און ליבשאַפט פאַר די אַנדערע גרויסע שרייבער און דיכטער פון יענע יאָרן, אָבער פּרץ איז געווען אַזוי אַנדערש, אַז אפילו אין די וואָכעדיקע סאָציאַלע מאָמענטן פון זיינע ווערק האָט ער אַריינגעבראַכט מער נשמה ווי גוף, מער רוחניות ווי גשמיות, ווייל די נשמה איז ביי אים געווען דער עיקר און דער קערפּער בלויז ווי אַ כלי פאַר דעם גייסט פון זיינע געשטאַלטן, וואָס ער האָט פאַר אונדז געשילדערט.

אַזאַ לאַנגע צייט איז שוין פאַראיבער זינט יענעם אָונט אין דעם לאָדזער הזמיר.

איצט איז מען שוין אַליין אַלט געוואָרן, עס איז מער נישטאָ יענע באַגייסטערונג, מיינונגען האָבן זיך אויך געענדערט, די היים פון אַמאָליקן חסידיזם — פּוילן, איז פאַרניכטעט געוואָרן, דאָס פּוילישע יידנטום אויף אייביק אָפּגעמעקט, און בלויז די ליכטיקע ווערק פון פּרץ'ן זיינען אונז פאַרבליבן ווי אַ מצבה, ווי אַ ירושה אין דעם אוצר פון יידישן גייסט און יידישן שאַפן.

יענער אָונט אין לאָדזער הזמיר פאַראיין איז אָבער פאַרבליבן אין זכרון ווי אַן עכאָ פון הערלעכסטן געזאַנג, ווייל פּרץ'ס פּראָזע איז אויך געווען ליד, און פּרץ'ס רעפעראַט וועגן שרייבער, זיין בוך און דער לייענער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די אויערן פון אַ יונגען דיכטער ווי אַ שיינע פּאָעמע, אימפּראָוויזירט אין דעם מוח און נשמה פון אַ גרויסן גייסט, פון י. ל. פּרץ.

י. ביעטש

# פּרץ מיט אונדז

I

די ווערטער זענען תמיד געהערט געוואָרן, אויף די וואַרשעווער גאַסן, פון די פאַרשידענע יידישע פּאַרטייען און ריכטונגען, וועלכע האָבן געפירט אַ פאַרעקשנטן קאַמף קעגן פינסטערניש, קעגן אומרעכט, און מיט אַ טיפן גלויבן אין הארץ געהאָפט אויף אַ ליכטיקן מאָרגן פון פרייהייט און יושר פאַר אַלע מענטשן.

פּרץ האָט מיט זיינע צענדליקע פאָלקסטימלעכע דערציילונגען געשטאַרקט ביי דער יוגנט די ליבע צו דעם עלענדן און פאַרוואָגלטן. ער האָט ביי דעם פאָלק געעפנט די אויגן, כדי צו זען דעם גרויל און שיפלות פון לעבן. די סאָציאַלע אונגערעכטיקייט דערשיינט נישט ביי פּרץ'ן אונטער דער פאָרם פון קהלישע עולות. אין זיינע ווערק איז דער האָריזאָנט אַ ברייטער און מיר זען די סאָציאַלע פראַגע אַוועקגעשטעלט אין איר גאַנצער גרויס.

פּרץ דער אַנערקענטער מייסטער און שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור, דער דיכטער פון דער פאָלקס נשמה, האָט זיך נישט געקענט איינשליסן אין די ראַמען פון די אָדער יענע פּאַרטיי, אָבער זיין פילפאַכקייט און פאַרשידנאַרטיקייט אין זיין שאַפן, האָט אויסגעזען אַז אין פילע זאַכן, קען יעדער פון די פּאַרטייען, אפשר, זיין דער ציל פון לעבן. ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די ווערטער פּרץ מיט אונז, האָט אַזוי שטאַרק באַהערשט די מחות פון דער דאַמאָלטיקער שרייבער יוגנט, וועלכע האָט אין דעם פילזייטיקן שריפטשטעלער געפונען דאָס וואָס איז אים אָם נאָענטסטן.

ס'זענען פאַראַן מאָמענטן אין אַ מענטשנס לעבן, וועלכע קריצן זיך שטאַרק איין אין זכרון. דער ש ר ײ ב ע ר פון די שורות וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם טיפן איינדרוק און יראת הכבוד, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי דעם עולם, אין יענע יאָרן פון 1904־5, ווי נאָר ס'האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון י. ל. פּרץ, סיי אויף אַ פאַרזאַמלונג, סיי אין זאַקסישן גאָרטן; ס'איז אין לספר. בלויז צו זען פּרצן איז שיר נישט געווען אַ מדרגה.... מען האָט זיך געריסן צו זיין וואָס נאָענטער צו דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ממש אַלעמען ווי עלעקטריזירט.

אַ גרויסן רושם האָט אין יענע פינצטערע יאָרן פון שטורם און קאַמף, אויף דער יידישער וואַרשע געמאַכט, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז י. ל. פּרץ איז געוואָרן אַרעסטירט, די שווערע שטימונג, וואָס האָט אַלעמען אַרומגענומען, איז אונמעגלעך אין ווערטער אויסצודריקן, ס'האָט זיך געפילט ווי אַ שטאַרקע זייל פון אַ גרויסן בנין איז פלוצלינג אָפּגערוקט געוואָרן.

ל י י ד י ק ז ע נ ע ן מיט אַמאָל געוואָרן די נאַלעווקיס און זשיקע, ווו ס'האָט תמיד אַזוי מוטיק געשאַלט דער יידישער אויסרוף: פּרץ מיט אונז! ס'האָט אויסגעזען, ווי אַ שווערער שוואַרצער וואָלקן האָט זיך מיט אַמאָל



אַראָפּגעלאָזט און וועט באַלד אַלץ אין פינסטערניש פאַרטרינקען. דער שווערער געמיט און מרה שחורהדיקע שטימונג, האָט זיך באַלד איבערגעטראָגן אין די יידישע „קאַוויאַרניעס", ווו דער ענין פּרץ איז מיט אַ שטיקנדיקן ווייטאָק געלעגן אויף אַלעמענס ליפּן. סטייטש פּרץ, אונזער פּרץ! און נישט איינער פון אונז יונגוואַרג האָט זיך געווונטשן, אַז אויב צו ווערן אַרעסטירט, וואָס איז בלי ספק געווען אונפאַרמיידלעך אין יענער צייט, ספּעציעל פאַר דער קעמפנדיקער יוגנט, איז פיל בעסער באַלד, כדי צו זיין דער, וועלכער איז געזעסן אין איין צייט פון י. ל. פּרץ, וועלכער איז פאַר אונז געווען, ווי אַ לעגענדאַרישע פיגור, צו וועמען עס האָבן זיך געצויגן די הערצער פון דער דעמאָלטיקער יוגנט, וואָס האָט געוואַרט אויף פּרצ'ס אַ וואָרט, ווי אויף דעם וואָרט פון אַ נביא.

2

אַ גרויסער מהלך פון יאָרן, שיידט אונז אָפּ פון יענער תקופה. די פראַגע: וואָס האָט פּרץ געוואָלט? און וואָס איז געווען דער זין און ציל פון זיין שאַפן? דאָס איז אייגנטלעך נישט ניי, מען האָט זיך מיט דעם ענין פיל באַשעפטיקט. אַ ים מיט ווערטער איז אַרום דער פראַגע גערעדט און געשריבן געוואָרן. פּרץ איז נישט נאָר געווען דער גרעסטער שריפטשטעלער אין דער יידישע ליטעראַטור. ער איז אויך געווען דער אייביקער מאָנער, וועקער, צו אַ באַנייט און שענער לעבן.

אין די ווערק פון דעם געניאַלן שרייבער מערקט זיך שטאַרקע שטריכן פון מיסטיציזם, דאָס הייסט אַז פּרץ האָט גערעדט און געשריבן מיט רמזים, אַז מען דאַרף פ א ר ש ט י י ן נ י ש ט נאָר דאָס וואָס ער זאָגט, נאָר אויך דאָס וואָס ער מיינט צו זאָגן. ס'האָט דעריבער תמיד געדרעגט צו געפינען אַ שליסל צו זיינע ווערק. ס'איז אָבער אַ זער שווערע פראַגע, וואָס לאָזט פשוט זיך נישט אויסשעפּן.

אין פּרצעס שאַפן מערקט זיך קודם כל זיין גרויסע ליבע צו דער גאָר אַלטער יידישקייט, זיינע געשטאַלטן זיינען סינטעטישע שאַפונגען פון עבר און היינט. פּרץ זוכט צו פאַראייניקן די אַלטע יידישע עטיק מיט די נייע שטרעבונגען פאַר סאָציאַלע גערעכטיקייט. מען דאַרף דאָס שיינע און גוטע פון דעם אַלטן אויפהאַלטן, און דאָס שיינע און גוטע פון דעם נייעם צוזעצן. אמת, אַז ס'איז ביי פּרץ'ן אויך פאַראַן פיל קריטיק געגן געוויסע פאָרמען פון דער אַלטער יידישקייט, אָבער ער קריטיקירט נאָר דאָס וואָס איז אויבערפלעכלעך, די עכטע, די טיפע יידישקייט האָט פּרץ שטאַרק געשעצט.

פּרץ האָט דאָס ווונדערבאַר געשילדערט אין דעם חסידישן מאָנאָלאָג „תורה". און ווי יעדער עכטער טיפער שרייבער, וואָס האָט אַ צובונד צו אַלץ, האָט ער נישט אויפגעהערט צו שילדערן דעם לעבעדיקן יידישן עבר.

אין דער דערציילונג „תורה" פאַסט פּרץ אויף דאָס חסידות נישט אין דער פאַזע פון אַ ירידה, נאָר פון איר גרויסער עליה... וואָס האָט נאָך לאַנגע גלגולים צוריק געפונען איר תיקון ביי דער באַגייסטערטער יידישער יוגנט, וועלכע האָט

זיך מיט גרויס התלהבות געוואָרפן אין קאַמף בשעת דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג ביי ייִדן, און דערנאָך ביי דעם טייל פון דער יידישער יוגנט, וואָס איז מיט חסידישן ברען געגאַנגען בויען אין ארץ ישראל אַ נייע פאָרם פון יידיש לעבן. ס'איז אָנצונעמען אַז דער עיקר אין פּרץ'ס שאַפן איז אַ פאַראייניגונג פון דער אַלטער יידישער קולטור מיט די מאָדערנע שטרעבונגען און ראַנגלענישן.

פריש און לעבעדיק ליגט פאַר אונז אין דער גאַנצער פּראַכט די ליטעראַרישע ירושה, וועלכע עס האָט אונז געלאָזן דער גרויסער ריז פון דער מאָדערנער פאָלקס ליטעראַטור. די גייסטיקע אוצרות פון פּרץ'ס שאַפן וועלן תמיד זיין ווי אַ שפּרודלדיקער קוואַל פאַר יידישע שרייבער, ווייל פון זיין גייסטיקע ירושה שטראַלט אַרויס אַן אייביק ליכט. און צום הונדערטסטן יאָר פונם געבוירן פון אונזער קלאַסיקער, איז פּרץ דער עמוד האש, וועלכער וועט תמיד לייכטן, און זיין נאָך דעם גרעסטן חורבן אין אונזער געשיכטע, אַ פעסטער אָנשפּאַר פאַר אונזער מאָרגן די ווערטער „פּרץ מיט אונז !"

## שלמה שרעבערק

# אַ משכיל פון פּרץ'ס שטעטל זאַמאָשץ

רעדנדיק אַמאָל מיט י. ל. פּרץ'ן וועגן זיין שטעטל זאַמאָשץ האָט ער אַרויסגענומען פון שופלאַד אַ ספר „נצח ישראל", וואָס איז געווען געדרוקט אין פראַנקפורט און ווייזנדיק מיר געזאָגט : אָט האָט איר אַ ספר פון מיינעם אַ בן עיר, אַ ראש ישיבה ביי אונז אין שטאָדט, וואָס איז אויך געווען אַ פּיאָנער פון השכלה.

דער יחוס פון דאָזיקן למדן איז געווען, וואָס ער איז געווען אַ מלמד ביי די קינדער פון פילאָזאָף משה מענדעלסאָן אין בערלין און האָט זיך אויך געחברט מיט לעסינג.

אויף דעם דאָזיקן משכיל ליגט, פאַרשטייט זיך, זילבערנער שטויב פון פאַרגעסנקייט. די אכזריותדיקע קריטישע צייט מאַכט אַש און פּראָך פון גרעסערע שרייבער ווי ר' ישראל פון זאַמאָשץ, אָבער זיין זכרון איז געבליבן ווי אַ פּיאָנער פון השכלה, וואָס האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט אוניווערסאַלע אַלמענטשלעכע ווערטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור. זיינע ווערק זענען „נצח ישראל", „רות תן", אַ פירוש אויפן ספר „הכוזרי" פון ר' יהודה הלוי, אַ לידער־בוך „גזר הדמע", וו ער קריטיקירט שטאַרק די חסידישע באַוועגונג. איבער אַלץ וואָס איז אַרויס פון זיין פען האָט ער איבערגעלאָזן אַ הויך און אָטעם פון זיין נשמה, און דערפאַר האָט זיך י. ל. פּרץ געריימט מיטן דאָזיקן לאַנדסמאַן זיינעם, וואָס איז געווען ביי אים זייער געאַכטעט און זיינע ספרים זענען געווען די איינציקע, וואָס פּרץ האָט געהאַלטן ביי זיך אין ביכערשראַנק.



## א. מייזעלס

# די דריי מתנות

(צו דער פּרץ־אויפפירונג ביי אונדז דאָ אין לאָנדאָן)

אין יאָר 1910 האָט דער סופליאָר פון יידישן טעאַטער אין לעמבערג, בערל האַרט, דראַמאַטיזירט י. ל. פּרץ'ס „דריי מתנות" און דער פאַרגעסענער יידישער קאָמפּאָזיטאָר חנא וואָלפסטאָהל האָט געשאַפן צום ווערק די מוזיק.

די דראַמאַטיזאַציע איז באַשטאַנען פון אַ פּראָלאָג אין הימל פאַרן געריכט פון בית דין של מעלה, וו די נשמה ווערט געמשפּט און דער פּסק דין ווערט אַרויסגעגעבן. דער פּראָלאָג איז געשריבן אין סטיל פון אַן אָפּערע. דער ערשטער אַקט איז שוין פּראָזע און געזאַנג, דעסגלייכן דער צווייטער און דריטער אַקט. דער עפּילאָג ווען די נשמה קומט צוריק מיט די דריי מתנות פאַר די צדיקים אין גן עדן איז אויך אונטער געזאַנג.

אַ ריי פון יאָרן האָט דאָס ווערק באַהערשט די יידישע בינע אין אייראָפּע. עס פלעגט זיין ביי די אַקטיאָרן אַ יום־טוב, ביי באַגייען די אויפפירונג פון די דריי מתנות. האָבן זיי זיך דאָך, דורך דער אויפפירונג פון דעם ווערק, אַ ביסל רעהאַביליטירט פון דעם שפּילן אַ גאַנץ יאָר דאָס קאַזיאָנע יידישע טעאַטער און נישט מורא געהאַט, אַז דער „עולם" וועט נישט צוקייען פּרץ'ן... וואָרים עס איז דאָך אַזאַ האַרציק, פּשוט מעשהלע, אַז עס פאַרכאַפּט ממש דעם אָטעם און דערצו איז דאָך דאָס אַזוי היימישלעך יידיש...

אין חסרון האָט די דראַמאַטיזאַציע געהאַט, עס איז געווען צו קורץ אויסצופילן אַ גאַנצן אָוונט און דערפאַר ווען איך האָב דאָס דראַמטיזירט אין יאָר 1945, האָב איך אַריינגעשטעלט סצענעס פון אַנדערע ווערק פון פּרץ, אפילו איינצעלנע פראַזן האָב איך גענומען פון פּרץ'ס ווערק. אין פעלער איז מיר אונטערגעקומען, וואָס איך האָב אַריינגעפּלאָכטן די לעגענדע פון דאָרפס יונג, וועלכער טוט אַ פייף אין שול צו נעילה, אָבער „שגיאות מי יבין"...

דער דערפאָלג איז געווען גרויס און דאָס מוזן מיר צושרייבן דעם ווערק, פיל מער ווי די אַקטיאָרן, ווייל עס איז געשפּילט געוואָרן פון שוואַכע כוחות און דערצו זיינען דאָס געווען אַקטיאָרן פון טשעכיע, עסטרייך א.אַז.וו. די „מאַנטשעסטער גאַרדיען" האָט געווידמעט אַ גרויסן פּלאַץ פאַר דעם ווערק און פאַר פּרץ'ן בכלל. אויך אַנדערע נישט יידישע צייטונגען האָבן ווי געהעריג געשריבן — פון דער יידישער פּרעסע איז דאָך אָפּגערעדט.

אַחוץ די „דריי מתנות" האָט מען אין לאָנדאָן בלויז נאָך אויפגעפירט פּרצ'ס איינאַקטער „די שוועסטער". אויך ביי ליטעראַרישע קאָנצערטן ברענגען טייל אַקטיאָרן סצענעס אָדער מאָנאָלאָגן פון די ווערק פון י. ל. פּרץ.

מ. מינדעל

## י. ל פרץ צו זיין הונדערט יאָריקער געבורט

(פון אַ רעדע געהאַלטן ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס)

די וועלט פייערט פרץ׳ס הונדערט יאָריקן געבורט; עס רעדט זיך די וועלט, איך מיין די יידישע קולטורעלע וועלט. דער יידישער וועלטלעכער קולטור קאָנגרעס אין אַמעריקע שיקט אויפרופן צו אַלע יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס, צו פייערן פרץ׳ס יובילעאום.

ווען מיר נעמען אַריין אין האַנט דעם לעקסיקאָן פון אונזערע יידישע שרייבער, זעען מיר, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גאַנץ באַדייטענעם באַגאַזש מיט יידישע שריפשטעלער און קינסטלער, און מיר וואָלטן געדאַרפט אַלע טאָג פייערן יובילעאומס פון פאַרשטאָרבענע און לעבעדיקע שרייבער. און מיר טוען דאָס פון צייט צו צייט. אָבער פאַר אַ גאַנץ קליינע צאָל און זייער חשובע שרייבער. עס איז פשוט אונמעגלעך צושרייבן, אָדער רעדן וועגן יעדן באַזונדער. אָבער וועגן פרץ׳ן איז עס אַ גאַנץ אַנדער זאַך! אָט האָבן מיר גאַנצע אינסטיטוציעס אויף פרץ׳ס נאָמען, און פאַראיינען, וואָס געבן זיך אָפּ מיט שטודירן פרץ׳ן. מען קען שוין באַלד באַקומען טיטול דאָקטאָר, אַז מען קען פרץ׳ס ליטעראַרישע שאַפונגען.

דער ליטעראַטור פאָרשער נעמט זיך צו פרץ׳ס ווערק, יעדער פּאַרטיי מאַן זוכט אַריינצוטייטשן פרץ׳ן פאַר זיך; דער געלערנטער זוכט אין פרץ׳ס ווערק תורה, דער מיסטיקער — חסידיזם, דער ציוניסט — ציוניזם, דער בונדיסט — בונדיזם, און אַפילו די באָלשעוויקעס זוכן קאָמוניזם.

עס פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז געווען מיט 10 יאָר צוריק! פרץ ווערט ביי אונז פאַררעכנט אַלס דער בעל שם פון פאָלקיזם, דער אַרכיטעקט פון אַ ספּעציעלע פרץ־יידישיזם־פּרצאיסטן.

און ביי אַלע אַנדערע איז ער דער פאָלקס־אחרון! פרץ׳ס עפּאָכע איז פאַר אונז אַן אייביקער קוואַל פון וואַנען מיר וועלן שעפּן און עס וועט זיך ניט אויסשעפּן. פרץ האָט געהאַט פאַר זיך אַ וועלט מיט לעבעדיקע באַוועגלעכע יידן און פון זיי און פאַר זיי האָט ער געשילדערט זייערע הנהגות און זייער שטייגער לעבן, זייער אידעאַל אין קאַמף מיט דער נאַטור און מיט דער וועלט אַרום — און אויך מיט זיך אַליין. מיט אייגענע אַסימילאַטאָרן און אָפּגייער אַפּלאַכער פון יידן און פון יידיש.

פרץ איז געווען אַ גרויסער פּסיכאָלאָג און אַ וועגווייזער. ער איז געווען ווי אַ קלייד פון אַלערליי קאָלירן, וואָס מען האָט געוואָלט האָט מען ביי אים געפונען. און זיין אייגענעם מוסר־השכל געפינט מען אין די קאָלירטע לאָמטערנע, ווו ליכט איז אַן קאָליר. עס האָט זיך שוין געשאַפן אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן זיין שאַפונג, הונדערטער פרושים וועגן יעדער זאַך. די „גאָלדענע קייט“ ווערט אינטערפּרעטירט פון נאַציאָנאַליסטן, די „באָנציע שווייגס“, „די דריי מתנות“



און פילע אַנדערע ווערק וועלכע עס איז אונמעגלעך אויסצורעכענען.

וועגן פרץ׳ן האָבן שוין גערעדט און געשריבן אונזערע גרעסטע ליטעראַטור קריטיקער: דר. זשיטלאָווסקי, בעל מחשבות, ניגער, מוקדוני און הונדערטער אַנדערע. יעדער ברענגט אויסצוגן פון זיינע ווערק און מען ציטירט און מען טייטשט אויס יעדער נאָך זיין שטייגער. און איך האַלט, אַז כאָטש איך בין ניט באַרופן צו געבן וועלכע ניט איז אָפּהאַנדלונג וועגן פרץ׳ס שאַפן אין פאַרגלייך מיט אונזערע ריזן וועלכע קענען אַנאַליזירן און צוגלידערן פרץ׳ס יעדער סקיצע אָדער פּאָעמע אָדער דראַמע, פונדעסטוועגן וועל איך היינט, לכבוד אים, אויך בייטראָגן עפּעס ניט ווי אַ קריטיקער, נאָר ווי אַ לעזער, און דאָס גיט מיר דאָס רעכט מיט אייך אייך צו טיילן מיין מיינונג. איך וועל נעמען בלויז איין טעמא און אויסלאָזן אַלע אַנדערע. און דאָס איז: ווי אַזוי האָט פרץ געקוקט אויף אונזער אַסימילאַציע.

אַסימילאַציע מיינט אין זיך איינזאַפּן, אַריינצונעמען פרעמדע ווערטן. די אַסימילאַציע פון פרעמדע ווערטן אַריינצונעמען אין אונזער קולטור־לעבן האָבן שוין געטאָן אַלע אונזערע גרויסע געלערנטע, ווי צום ביישפּיל דער רמב״ם, אַבאַרבאַנעל, מלבים, מענדעלסאָן און אַנדערע גאונים. פרץ געהערט אָט צו דער גאַלעריע יידישע גאונים. ער אַסימילירט אונז נישט צו אַנדערע. ער אַסימילירט די ווערטן פון אַנדער צו אונז. אַפילו ווען עס איז ניט באַקוועם אָבער ער האַלט אויף דעם הויפּט־פונדאַמענט פון אונזער קיום ווי אַ פאָלק: מיר זענען דורכגעגאַנגען פייער און שווערד אין אַלע פינצטערע צייטן, מיט אונזער בטחון און אונזער אייגענעם אַרט לעבן. מיר האָבן זיך געקענט אויסקלייבן אַ גרינגערן וועג מיט אַ פאָלשטענדיקע אַסימילאַציע. מיר האָבן דאָס ניט געטאָן און די וועלכע ווילן דאָס טאָן יעצט זאָלן זיי גיין אָבער אונז זאָלן זיי ניט מיטשלעפּן. דאָס איז געווען פרץ׳ס צוואה.

פרץ האָט געוואָלט דערהויבן דעם פאָלק צו גייסטיק אייגענעם איך! מיר זענען פריינדלעך צו די פּאָליאַקן, צו די רוסן, צו די ענגלענדער און צו אַלע ווו נאָר מיר געפינען אַ מקום מנוחה. אָבער מיר זענען ניט קיין פּאָליאַקן און ניט קיין ענגלענדער — מיר זענען יידן מיט אַן אייגענעם שטייגער לעבן, מיט אונזער מאָראַל און אונזער אידעאַליזם.

די געדאַנקען ציען זיך ווי אַ רויטער פאָדים דורך זיינע ווערק, דער יידישער גייסט, דער יידישער בטחון זיינע, ליידן און פריידן, אָבער ניט אָפּנייגן און ניט פאַרבייגן סיי פרייער־ סיי רעליגיעזער־ און דורכשניטלעכער ייד דאַרף און מוז בלייבן מיט אונז אויב ער האָט נאָך גאָט אין הארצן און אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.

## אברהם לעוו

### נאכט-קאשמאר

אַ שפּאַס, אַ בלוטיקער, דער גאנצער לעבן איז אַ שפּאַס,
אַ שפּיל אַזאַ, נאַריש און געמיין. —
דערנאָך בלייבט שטויב, דערנאָך בלייבט אַש,
אַ וואָרעם נאַגט אַרויס דעם לעצטן טראָפּן מארך פון דיין געביין.

אַ שפּיל אַזאַ מיט דיר, אַ שפּיל צעווישן איינס־און־צוויי,
דער מוח קען עס ניט באַנעמען:
ווער דארף עס אָט דעם דאָזיקן געדריי?
צו וואָס? פאַר וועמען? . . .

דו ליגסט אַזוי און פלוצלונג גיסט פון דעם אַ טראַכט,
עס ווערט דיר הייס אונטערן שאַרבן . . .
אין שויב עס קוקט אַריין אַ שוואַרצע נאַכט,
שוואַרץ אָט ווי דער טויט און אומעטיק ביז שטאַרבן.

דו ביסט אַליין און שלאָגסט זיך קאָפּ אָן דיל,
ווייל ביז גרוויליקייט האָסטו באַנומען
דעם דאָזיקן אומרחמנותדיקן שפּיל
דעם קרומען . . .

מיט חיה, מענטש, מיט וועלט און מיט באַשאַף,
מיט שטערן — שפּיולדיקע שפּיזן.
דו פילסט אַליין ניט, ווי דו ביסט פאַרשקלאַפט
צו עמיצנס קאַפּריזן.

און אַז דערפילסט שוין יאָ אַמאָל, גיסטו אַ ריס זיך, ווי אַ הונט פון קייט,
און ווי אַ הונט בייסטו די אומזעבאַרע — שטריק מיט ציינער;
נאָר הינטער דיר עס לאַכט געמיין דער טויט
מיט אָפּגעשיילטע ביינער . . .

דו גיסט פון שויב אַ צי זיך צו דער וואַנט —
(ניט ווילנדיק דערזעסטו דיין פאַרציטערטע געשטאַלט אין שפּיגל),
און ווייסט: עס האָט זיין האַנט
דיין גורל שוין פון לאַנג פאַרזיגלט.



דו קאַרטשעסט זיך צענויף און ווערסט נאָך קלענער, קליין,
אַ שפּאַרינקעלע דו זוכסט אויף צום אנטרינען;
נאָר אין זיך ווייסטו גוט אַליין
אַז אומעטום וועט ער דיך אויסגעפינען — — —

עס קוקט אַריין די נאַכט אין שויב,
דו זוכסט אַביסל ליכט, אַ טראָפּן. —
נאָר פלוצלינג פון אַ וואָלקן פּיקט זיך אויסעט, ווי אַ טויב —
אַ לבנה דיר צוקאָפּן.

דאַן פאַלסטו צו דעם שוואַרצן פענסטער צו
און נאַגסט לבנה ליכט וואָס רינט אויף שויבן.
עס צאַפּלט זיך דיין האַרץ און בייגקט נאָך רו
און ווייסט ניט וועמען שילטן, וועמען לויבן?

עס צאַפּלט זיך דאָס האַרץ און נאַגט פון שרעק,
דער מזרח הויבט שוין אָנעט בלויען.
די נאַכט איז אָפּ, די נאַכט גייט שוין אַוועק
און איבערגעלאָזן דיר אין שלייף אַ לאָק אַ גרויען;

און טיף אין האַרץ פאַרזייט אַ טראָפּן גיפט
אָנגעהויפט פון ווייטע וועגן,
און דורך דער נאַכט האָסטו, ווי אָפּגעשיפּט
צו אַנדערע, צו אומבאַקאַנטע וועגן.

גבעת השלשה, אויגוסט 1951.

## ס. פאלמע

### א שומר אין נגב

(בערעלען אין תל־אביב — אַ מתנה)

אַ שומר אין נגב ביי טאָג און ביי נאַכט,
זיין ביקס איז געלאָדן, די גרענעץ באַוואַכט;
מיט שלום אין האַרצן און שווערד אין זיין האַנט,
זינגט ער אַ הימן, דאָס ליד פון זיין לאַנד:
שאַקאַלן מעגן וויינען, אים אַרט ניט אַ האָר, —
די שטערן, די זאַמדן, זיין קלאָרער ווי קלאָר!

דער שומר אין נגב סיי טאָג און סיי נאַכט,
דאָרט הויך אויפן טורעם ער שטייט און ער וואַכט;
דיביימלעך זיין יונגע, די קנאָספּ און די רויז;
ירושות פון דורות זיין מער ניט אַ בלויז:
ער היט זיי און ניאַנטשעט ווי קינדער אויף שויס,—
זיי מוזן זיין קרעפטיק, זיי מוזן זיין גרויס . . . !

אַזוי האָט דער גורל באַשטימט אים פאַר היינט:
אַ שומר מוז וואַך זיין, סע קאָן זיין אַ פיינט . . . !
שטייט ער און זינגט זיך און קוקט אין דער ווייט,
דער מדבר צושפּרייט איז, ער ווייסט דעם באַדייט,
אחריות אַ גרויסער, עס דרימלט די נאַכט,
עס רוען די וואַנדערער נ׳ער זיי באַוואַכט.

געפלאַנצט איז זיין גאָרטן, געבאַוועט דער וויין;
אַ קליינינקע הימעלע, אָבער ס׳איז זיין!
אַנטקעגן קומט מאָרגן מיט בלום און מיט קראַנץ,
נאָר היינט איז ער שומר אין מיטן אַ טאַנץ; —
זיין לעבן קריגט זינען אַפילו ביי ווענט, —
די גרענעץ מוז שטאַרק זיין, נאָך שטאַרקער די הענט!

און ס׳זינגט זיך דער שומר, ס׳איז היימיש זיין קלאַנג,
די נאַכט איז אַ שטילע, אויך שטיל דער געזאַנג:
זיין ליד ניט סתם ווערטער ווי קרעלן אויף אַ שנור,
דערציילן פון העלדן, מאַרטירער ביז גאָר,
פון קאַמפן און זיגן, פון לעבן און טויט,
פון צילן קיין אַנדערע נאָר פרייהייט און ברויט . . .

אַן אייגן געלעגער, אַ בעט און אַ דאַך,
אַ לידל, אַ טענצל, אַ שטיף און אַ לאַך, —
דאָס זענען דאָך ווערטן, אַ מענטשנס פאַרמעג;
נאָר דאָס וואַרט אויף מאָרגן נאָך קאַמף און געיעג,
הייל אַלץ מיט אַן אַנדער מוז שטענדיק זיין גרייט, —
דער שומר מוז וואַך זיין, אַ פרעמדער דאָרט גייט!!...



דר. יעקב י. מייטליס

# ישראל ביי היינטיקן טאג

(אַ שטיקל סך הכל פון אַ נסיעה)

## א.

דריי יאָר אין לעבן פון אַ פאָלק צי פון אַ לאַנד איז, ווייס גאָט, נישט קיין צו לאַנגע תקופה און אודאי נישט, כדי צו ציען געוויסע מסקנות אויף להבא. אָבער דריי יאָר אינם לעבן פון יידישן פאָלק אין דער נייער מדינה איז שוין גאָרנישט קיין קלייניקייט. איז דאָך נאָך דעם חורבן אין אייראָפּע געקומען דער נס פון מדינת ישראל און פאַר אונדז יידן זענען דאָס נישט געווען קיין לייכטע יאָרן פון נאָרמאַלער איינגעזעסנקייט, פון אַ הוילן שנוי אין אונדזער שטאַט־לעכער פאָרעם, נאָר יאָרן פון אַ געוואַלטיקן טרייסל, און פון אַ שווערן באַרג־איבערבראַך, פון טראַגישע ראַנגלענישן אוןליידן, און פון אַ שווערן באַרג־אַרויף. אין פאַרגלייך מיטן לעבן פון אַנדערע פעלקער זענען דאָס שוין געווען גאַנץ אַנדערע יאָרן און מען קען זיי סתם נישט מעסטן מיטן מאַסשטאַב פון נאָרמאַליטעט און הוילער זאַכלעכקייט.

איך האָב געזען די יידישע מדינה אינם ערשטן יאָר פון איר קיום. איך האָב זי ווידער געזען יעצט נאָך איבער צוויי יאָר צייט. וואָס פאַר אַן אונטערשייד! בשעת מיין ערשטן באַזוך אין אַנהויב 1949 איז די מדינה נאָר וואָס געהאַט אַנטשטאַנען. דעמאָלט איז אַלץ נאָך געווען אין פלוס, נאָך נישט געזעצט, מיטן חן פון אַ פרישער צאַפּלדיקייט. די שלאַכטן האָבן קוים וואָס געהאַט אויפגעהערט. דער קול פון די האַרמאַטן זיך נאָר וואָס אָפּגעשטעלט. מען האָט נאָך נישט רעכט געהאַט אָפּגעשלאָסן קיין וואַפנשטילשטאַנד. די געמיטער זענען נאָך געווען צעהיצט, די הערצער אין אַ שטורעמדיקער באַוועגונג. מען איז נאָך אַלץ געשטאַנען אונטער דעם געוואַלטיקן רושם פון דעם אָט וואָס אָפּגעהאַלטענעם נצחון, פון דעם גרויסן נס, וואָס איז אָקאָרשט געשען. יעדער איינער איז אַרומגעגאַנגען עפּעס ווי אַ פאַרשכורטער, ווי אַ בעל־חלומות מיט לעגענדעס און מעשה־פּלאַ׳ס אויף די ליפּן. אַליין נישט געגלויבט וואָס די אויגן האָבן געזען. מען איז געווען שטאָלץ אויף די נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען און דאָס הארץ איז געווען פול מיט דאַנק פאַר דאָס געשעענע און מיט אַ גרויסער מאָס בטחון פאַר דעם מאָרגן.

דער דורכשניטלעכער ייִד, קומענדיק קיין ישראל, האָט זיך אַרומגעדרייט מיט אַ שהחיינו־פּנים, אַן אויפגעלייגטער און אַ האַפּעוודיקער איבער די גאַסן פון די יידישע שטעט אויף די פרייע וועגן פון לאַנד, באַטראַכט און באַוואונדערט יעטוועדע זאַך, געהאַט הנאה און זיך געגרויסט, ווי איינער וואָלט געזאָגט: נאָט זעט, וואָס מיר האָבן געקענט! עפּעס אַ קלייניקייט אַ יידיש מלכות! דעמאָלט איז נאָך אַלץ געווען ניי, ממש פון דער נאָדל אַראָפּ: דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, די מדינה. אָט דאָס אַלץ איז געווען אומגעוווינט און דערפאַר טאַקע באַטעמ׳ט, ליב און טייער, — יעדן איינעמס פערזענלעכע זאַך. דאָס אויג האָט

געשיינט מיט אַ סך פרייד, גוטסקייט און לייטזעליקייט: עס האָט נאָר געזען
די גאַנצקייט, דעם צוזאַמענהאַנג, די גרויסע קאָנצעפּציע, דאָס איינצעלנע, דער
דעטאַל און דאָס קליינע איז אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. מען האָט דערפאַר קיין אויג
נישט געהאַט. איז דאָך טאַקע עפּעס גאָר גרויסעס און הערלעכעס פּאַסירט אין
לעבן פון פאָלק.

היינט, דריי יאָר למנין המדינה, האָט זיך טאַקע אַ סך געענדערט און לאַ־
מיר זיך מודה זיין, נישט תמיד צום גוטן. קודם כל טאַקע אין אונדז גופא, אין
אונדזער צוגאַנג, אין אונדזער אויסקוק און אויספּיר. מיר האָבן זיך שנעל צו־
געווינט צום געדאַנק פון אַ יידישער מדינה, אַז עס איז פאַראַן אַ שטאַטלעכער
יש, וואָס איז נישט אַ ציטווייליקער, פאַרגענגלעכער ענין, נאָר וואָס איז גע־
וואָרן אַ דבר של קיימא, וואָס וועט פאַרבלייבן שטאַנדהאַפטיק און וועט לעבן.
האָבן טאַקע אַ סך אָנגעהויבן צו זען אין דער מדינה דעם סוף פון דעם אַלטן
גאולה־חלום, די דערגרייכונג און דערפילונג פון דעם דורות־אַלטן דערלייזונג־
אידעאַל. אויב עס איז שוין געקומען די גרויסע פאַרווירקלעכונג, איז דאָך שוין
ממילא נישטאָ וואָס צו טאָן. בצבור אוודאי נישט. אַזוי האָט מען אָנגעהויבן
לערנען פשט. אויב יאָ נאָך, טאָ נאָר ביחידות, פאַר זיך: זאָל יעדער איינער
בגופו פרובן פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל, ד.ה. ער זאָל זיך באַזעצן אין ישראל
אויב ער איז אַן אמתער ציוניסט, אויב ער וויל פאַרבלייבן אַ ייד, אַ לעבעדיקער
אבר פון פאָלק. דעמאָלט ווערט די פאָלקס־באַוועגונג, וואָס מיר פאַרשטיין אונ־
טער ציוניזם, אַ פּערזענלעכע זאַך פון יעדן יחיד און הערט ממילא אויף צו
זיין אַן ענין פונם קאָלעקטיוו, פון גאַנצן פאָלק.

אויב מיר האָבן באמת דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבן געוואָלט, דעם
חלום פון דורות, אויב דער אָביעקט פון אונדזער אידעאַל איז געוואָרן פאַר־
ווירקלעכט, דעמאָלט שאַפט זיך אין אונדז אַ געפיל פון דיסטאַנץ לגבי דעם,
וואָס מיר האָבן נאָך נעכטן געטראָגן מיט אַ סך ליבשאַפט און עקשנות טיף
פאַרגראָבן אין אונדזער הארץ. דער חלום איז געוואָרן אָביעקטיווירט, דער
נעכטיקער אידעאַל איז היינט געוואָרן רעאַליטעט. זי נויטיקט זיך שוין נישט
מער אין דער גרעניצלאָזער צוגעבונדנקייט, דעם פּאַטאָס און מסירת נפש פון
די פּיאָנערן און אידעאַליסטן פון אַמאָל. זי, אין דעם פאַל די פאַרווירקלעכטע
מדינה, קען שוין שטיין אויף אירע אייגענע פיס און גיין איר אייגענעם וועג.
עס איז דער וועג פון פּראַקטישער ווירקלעכקייט.

אויב אַלזאָ דער אידעאַל איז געוואָרן פאַרווירקלעכט, דעמאָלט, וואָלט איך
געזאָגט, איז שוין נישטאָ צו וואָס צו שטרעבן. עס איז אַלץ דערפילט. עס איז אַ
מין גן־עדן שטימונג אויף דער ערד, אַ שטימונג פון צופרידנקייט און קאַמפּ־
לאָזיקייט. דער מענטש פאַרלירט דעם אינטערעס, די שפּאַנונג לאָזט אָפּ, דאָס
הארץ ווערט ליידיק און עס הויבט אָן ווערן לאַנגווייליק. דעמאָלט וואַכט דער
מענטש ווי מיט אַמאָל אויף, ער הויבט זיך אָן אַרומצוקוקן מיט אָפענע אויגן
און הויבט אָן זען כל המיני חסרונות, וואָס ער האָט גאָר פריער נישט באַ־
מערקט. עס האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן די תמימותדיקע פאַרליבטקייט און זיין



אויג ווערט קריטישער, זיין טעמפּעראַמענט שאַרפער. מען הויבט אָן אַלץ צו
באַטראַכטן מיט אַנדערע אויגן. מען איז נוטה צו באַמערקן דווקא די קליינ־
קייטן און דעטאַלן, דאָס פערלהאַפטע און פאַרדריסלעכע. דער גרויסער צו־
זאַמענהאַנג פאַרשווינדט, עס ווערט אַלץ וואַכעדיק און ניכטער. דאָס אויג
דערכאַפּט כמעט יעדע פּגימה אויף דעם סאָציאַלן קערפּער. עס פאַרדריסן זאַכן,
עס מאַכן זיך טענות, עס שאַפט אַ שטימונג פון אומצופרידנקייט און פאַרבי־
טערונג. אַזאַ טבע האָבן שוין מענטשן: איז פאַראַן אַ סכנה, טוט מען אַלץ
כדי צו ראַטעווען און צו דערהאַלטן. גייט אָבער די סכנה אַריבער, ווערט דער
מצב מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל, קילט מען זיך גיך אָפּ, הערט אויף די
שפּאַנונג און עס פאַרלירט זיך דער אינטערעס פון אַמאָל. אויפן אָרט פון דער
פריערדיקער אָנגעשטרענגטקייט וואַקסט יעצט אויס עפּעס אַ מין ליידיקייט
און אַן אינדיפערענץ. דאָס הארץ איז אויסגעשעפּט, אידעאַלן־לער און די קעמ־
פערישע ליידנשאַפט פאַרלאָשן. דער מענטש איז געוואָרן גלייכגילטיק: עס איז
פאַר אים נישטאָ מער וואָס צו טאָן. (אגב איז דאָס אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָ־
לאָגישער פענאָמען: מען וויל זיך ווי עס איז פאַרענטפערן, לכל הפחות פאַר
זיך אַליין, פאַרוואָס מען האָט זיך אָפּגעקילט, פאַרוואָס מען איז נישט מער אַזוי
פאַראינטערעסירט ווי אַמאָל).

איז דאָס, וואָס מען האָט אין די שבעת־ימי־המשתה, אין די האָניק־טעג
פון מתן מדינה פאַרקוקט, אָדער פשוט נישט געזען מחמת התעוררות און
יו״ט׳דיקער שטימונג, הויבט מען יעצט אָן אין דער וואָכעדיקער והוא־רחום
שטימונג צו זען בולטער און שאַרפער. בעת די וואָכעדיקייט גנבעט זיך פאַ־
מעלעך אַריין סיי אין לעבן פון יחיד און סיי אין לעבן פון פאָלק, הויבט מען אָן
צו ווערן זעעוודיקער און באַמערקט אויף איינמאָל זאַכן, וואָס זיינען געווען ביז
יעצט פאַרהוילן פון אויג. מען האָט זיך אָפּנים אויסגעניכטערט. מען דערזעט
מיט אַמאָל אַ סך פּראָבלעמען אין זייער גאַנצער שאַרפקייט און קאָמפּליצירט־
קייט. אַמאָל האָט מען די שוועריקייטן נישט אַזוי געפילט. היינט שטערן זיי.
עס פאַרדריסט און מען איז פאַרביטערט. איז די לאַגע נאַטירלעך פאַר די לעצ־
טע צוויי יאָר געוואָרן אַ סך שווערער, די דאגות פון קליטה (אַבסאָרבירונג)
אין לאַנד אַ סך האַרבער. די יידישע מדינה איז אַרויס פון איר יום־טובדיקייט,
פון איר אַרעאָל פון באַפרייאונג און נצחונות און אַריין אין דעם שפּאַן פון
טאָג־טעגלעכער אַרבעט, פון אויפבוי און טראַנספאָרמאַציע. איז דאָס נישט יע־
דן צום הארצן, קען נישט יעדער דערטראָגן דעם עול פון פּראַקטישע מצוות,
דיקטירט פון אַ נאַציאָנאַלער, אפשר טאַקע האַרטער אויפבוי־פּאָליטיק, ווערט
מען אומצופרידן און אָפּט גאָר אַנטוישט.

דער וועג, וואָס מיר אַלס פאָלק אין דער נייער מדינה דאַרפן גיין איז ניט
קיין לייכטער. האָט זיך דאָס עמיצער אַנדערש אויסגעמאָלט? ווען און ווו אין
דער געשיכטע האָט נאָך אַזאַ קליינע, אָרימע מדינה ווי ישראל איז ביי היינ־
טיקן טאָג, אָן נאַטור־רייכטימער, אָן אַן אינדוסטריע און אַ וואָגיקן עקספּאָרט
בעקענט נעמען אויף זיך אַזאַ געוואַלטיקן עול פון אַ קבוץ גליות, און וואָס

האָט שוין באַוויזן אַריינצוברענגען אין משך פון די לעצטע דריי יאָר אַ קיימא־לן פון אַ זיבן הונדערט טויזנט פרישע עולים, פאַרטאָפּלענדיק אַזוי אַרום די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין אַזאַ קורצער צייט? צי האָט מען באמת דער־וואַרט, אַז אַ נס וועט געשען, אַז די עקאָנאָמיע פון לאַנד וועט נישט ליידן, אַז דאָס וועט פאַרקומען איבער נאַכט אָן נויט און יסורים, סיי פאַר די אַלט־איינ־געזעסענע און סיי פאַר די ניי־אָנגעקומענע?

נאַטירלעך זענען די לעבנסמיטל קנאַפּ, עס פעלן אויס אַ סך אַרטיקלען פון טעגלעכן געברויך. מען נויטיקט זיך אין כל המיני זאַכן, בעיקר איז די לאַגע פון דירות זייער אַ שווערע און אַן אַנגעווייטיקטע. דאָס לאַנד קען נישט גענוג אימפּאָרטירן, כדי צו באַפרידיקן דעם שטייגנדיקן פאַרברויך פון דער כסדר וואַקסנדיקער באַפעלקערונג. דערצו זענען נייטיק ריזיקע, געוואַלטיקע געלד מיטלען, וואָס זענען ליידער ניט בנמצא. איז פאַרשטענדלעך, אַז מענטשן ווערן קאַמף־מיד, אומצופרידן, אַז זייער פאַרטרויען האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. האָט מען טענות, באַרעכטיקטע און אומבאַרעכטיקטע צו דער רעגירונג און צו אַלע אַנדערע פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַנען. איר קענט הערן טויזנט און איינע טענה אויף אַלץ וואָס איר ווילט און אויף אַלעמען. די ארץ ישׂראלדיקע ווירקלעכקייט איז אַ האַרטע. מען מוז האָבן סיי כח און סיי דעם רצון כדי בייצושטיין דעם נסיון פון פּיאָנערישער אַרבעט און אינטעגראַציע אינם לאַנד.

עס זענען די חבלי גאולה, די אמתע ליידן פון ווערן אַ פאָלק מיט אַלע פעלקער גלייך. אַמאָל האָבן מיר יידן זיך פאָרגעשטעלט די גאולה אַלס אַ נסים׳דיקע, אַ משיחישע, אַ געטלעכע. אַלץ וועט געטאָן ווערן פאַר אונדז. מיר וועלן אַפילו נישט דאַרפן צולייגן קיין האַנט. אַלץ וועט גיין גלאַטיק: עס איז דאָך עפּעס דער גרויסער נס. אָבער אין דער וועלט פון רעאַליטעטן איז דער גאולה־וועג אַ האַרטער און אַ שטיינערדיקער. אַ פאָלק ווערט נישט געבוירן אין איין שיינעם העלן טאָג, ווי אַרויס פון אַ באַק־אויוון: אַ גאַנץ און אַ פאַר־טיקס. עס איז אַ לאַנגער אָרגאַנישער פּראָצעס, וואָס קען אפשר געדויערן דורות, וואָס וואַקסט תמיד און ווערט נישט פאַרטיק. היינט, אַז מען וויל נאָך אַדורכ־פירן דעם קיבוץ גליות (דאָס אַהיימברענגען אַלע יידן פון די גלות לענדער) אין אונדזערע טעג, דעמאָלט איז דאָך בכלל שווער פאָראויסצוזאָגן ווען עס וועט קומען די סטאַביליזאַציע פון דער לאַגע, וואָס זאָל דעם פאָלק פאַרזיכערן ברויט און אַרבעט אין זיין לאַנד. בכלל בין איך נוטה אָפּצופרעגן די שיטה פון קיבוץ גליות אונטער די יעצטיקע פאַרהעלטנישן. קען איין דור, וואָס איז געווען אַזוי שווער געפּרובט מיט צרות און ענוים ווי דער אונדזעריקער, אויף זיינע פּליי־צעס אויסטראָגן אַזאַ גיגאַנטישע אויפגאַבע? איז עס בכלל רעאַליזירבאַר און אויב יאָ, איז עס בעצם דערווינטשט, אַז אַלע יידן זאָלן זיך באַזעצן אין ישׂראל? ווייס איך נישט, צי עס וואָלט נישט גלייכער געווען צו האָבן אין ישׂראל אַ קליין אָבער אַ געזונט פאָלק, וואָס זאָל זיין דעם קערן פאַר דעם שאָר ישוב, איידער צו האָבן אַ גרויסן, פּילצאָליקן ישוב צוזאַמענגעטראָגן פון אַלע קאַנטן פון דער וועלט, וואָס קען חלילה ווערן אַ מקור פון סכנה פאַר זיין ווייטערדיקן קיום.



ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, קלאָר איז איין זאַך, אַז די מאַסן־אימיגראַציע, וואָס גייט אָן אָן אַ הפסק פאַר די לעצטע דריי יאָר אָן קיין ישׂראל איז איינע פון די הויפּט סיבות פון אַלע נויטן און שוועריקייטן, וואָס די מדינה מאַכט טאַקע יעצט אַדורך. מען מוז נישט נאָר די מאַסן אַריבערפירן אין לאַנד אַריין (וואָס איז שוין אויך נישט קיין קליינע אָפּעראַציע) נאָר קודם כל זיי אַבסאָרבירן אין לאַנד, שאַפן פאַר זיי וווינ־ און אַרבעטסמעגלעכקייטן. מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ, מוז איך זאָגן, אַז די גייסטיקע פּראָבלעמען פאַר וועלכע עס שטייט די מדינה ביי היינטיקן טאָג, זענען אפשר נישט קלענער פון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פון לאַנד. קען מעזויך פאַרשטעלן די פּילצאָליקע שפּראַכן און קולטורן, די מנהגים און גלייבונגען, דער סאָציאַלער סטאַנדאַרד און שטייגער־לעבן עס ברענגען מיט זיך יידן פון אַלע עקן וועלט? וואָס פאַר אַ געמיש פון שבטים און לשונות, פון קליידונג און אויסזען! עס זענען פאַרשיידענע וועלטן, אַ דיסקרעפּאַנץ פון קולטורן: מזרח און מערב, מאָדערנסטע ציוויליזאַ־ציע און מיטלעלטערלעכע שטייגערישקייט. ווי זאָלן זיך אָט די פאַרשיידענע שטראָמען פון דעם קאָלירפולן יידישן לעבן צונויפגיסן אַזוי האַרמאָניש, אַז עס זאָל מיט דער צייט אַנטשטיין יענע אינטעגראַלע פאָלקס־גאַנצקייט, אָן וועלכער עס קען בכלל גאָרנישט געמאָלט זיין אַ פּראָדוקטיוו, שאָפעריש און האָמאָגען יידיש לעבן. וועט דער אַלטער תמיד וואַכער גייסט פון פאָלק, וואָס האָט אין ארץ ישׂראל געשאַפן דעם וווּנדערלעכן גייסט פון חלוציות, פון קאַמף און קרבנות־גרייטקייט, פון דער צונויפשמעלצונג פון דעם מאָדערנעם ייד מיט דער ערד, וועט ער זיין בכח צו באַהערשן יענע אַנאַרכישע קולטור־דערשיי־נונגען, וואָס מיר באַמערקן אונטער דער יעצטיקער מאַסן־עליה און אויספּו־רעמען עפּעס נייעס, אייגנעס פאַר דער צוקונפט? שוין נישט איינמאָל זענען מיר געשטאַנען אין דער געשיכטע פאַר אַזעלכע אָדער ענלעכע פּראָבלעמען. שוין נישט איינמאָל האָט די קאָמבינאַציע פון פאָלק און לאַנד געשאַפן פון אַ דור הפלגה אַ גייסטיקע גאַנצקייט, וואָס איז בכח געווען אויסצושטיין אַ סך ווילדע שטורעמס אין דער צוקונפט. האָף איך, אַז דער ווידער אַמאָל באַפרוכ־פּערטער באָדן פון ישׂראל וועט באַווייזן דעם נס, אַז פון די אַלע פאַרשיידנאַר־טיקע עלעמענטן און שטראָמען פון פאָלקס־לעבן וועט זיך אויסהאָמערן אַ נאַ־ציאָנאַלע קולטור־גאַנצקייט, וואָס וועט דערפירן צו אַ סינטעזע פונם עבר מיטן היינט.

* * *

עס איז קלאָר פאַר יעדן, אַז אַזאַ ריזיקע אימיגראַציע, ווי זי גייט אָן ביי היינטיקן טאָג קיין ישׂראל מוז ווערן פינאַנסירט אויף גאָר אַ גרויסן מאַסשטאַב. אויב דאָס לאַנד פּראָדוצירט דערווייל נישט גענוג, כדי צו קענען אַבסאָרבירן די מאַסן עולים, מוז מען בעל־כרחו שאַפן מיטלען פון דרויסן פאַר דער פינאַנ־סירונג פון דער אימיגראַציע. באַוויזן עקאָנאָמיסטן, אַז מען דאַרף האָבן יעצט אין ישׂראל צו 2,500 פונט, כדי צו קענען באַזעצן אַ דורכשניטלעכע עולים־פאַמיליע סיי אויפן לאַנד און סיי אין שטאָט. אַז זי זאָל ווערן פּראָדוקטיוו.

שאַצט מען, אַז אַן ערך 60 פּראָצענט פון אָט דער סומע, ד.ה. אַ 1,500 פונט, זיינען ביז יעצט געשאַפן געוואָרן פון עפנטלעכע און פּריוואַטע קוואַלן. בלייבט, בכן, נאָך אַלץ אַ חיסר פון אַ טויזנט פונט פאַר יעדער פאַמיליע, וואָס פעלן דערווייל. ביי אַן עליה פון קיילעכדיקע 700 טויזנט ייִדן אין משך פון די לעצטע דריי מיט אַ פערטל יאָר, באַטרעפט דער דעפיציט אַ קיימא־לן פון אַ הונדערט מיט זיבעציק מיליאָן פונט. גאָר אַ בכבודיקע סומע, וואָס מען האָט דערווייל נישט. אויב דאָס געלד פעלט אויס, הייסט עס, אַז מען קען נישט גענוג בויען הייזער, אַז מען וועט נישט האָבן גענוג קיין רוי־שטאָפן (וואָס מען מוז אימפאָרטירן פון אויסלאַנד) פאַר דער אייגן־פאַבריקאַציע, און אַזוי אַרום וועלן טאָקע אויספעלן אַ סך אַרטיקלען פון טעגלעכן געברויך. גייט דער אימיגראַציע־שטראָם אָן ווייטער, וועט מען אַלץ מער מוזן באַשרענקן דעם פאַרברויך. פאַרליב נעמען מיט ווייניק, אַלס לויט די פינאַנציעלע יכולת פון דער מדינה. באַטייט דאָס, אַז מענטשן וועלן נישט קענען אויפהאַלטן דעם ביז־יעצטיקן לעבנס־סטאַנדאַרד, מען וועט מוזן רעדוצירן די פאַרלאַנגען און זיך אָפזאָגן פון מותרות און אַ סך באַקוועמלעכקייטן, צו וואָס אייראָפעישע מענטשן זיינען צוגעוווינט.

אפשר וועט דאָס פאַר אַ גרויסן טייל פון דער עליה, וואָס קומט פון די אָפגעשטאַנענע מזרח־לענדער, נישט קיין סך אויסמאַכן. איז דאָך זייער קולטור־מעמד סיי־ווי־סיי נישט קיין צו הויכער. פאַר די עולים אָבער פון אייראָפּע, איינגעזעסענע און ניי־אָנגעקומענע, וועט דאָס הייסן זיך אָפזאָגן פון אַ סך זאַכן, אַן וועלכע זיי קענען זיך שווער באַגיין און זיך מוזן צופאַסן צו נידעריקערע לעבנס באַדינגונגען. צו אַ האַרטער און שווערער אויפבוי־אַרבעט, איידער מען וועט פון דעם יעצטיקן פיאָנערן־לאַנד מאַכן אַ לאַנד פון פרוכפערדיקייט און שפע.

צו די באַקאַנטע עקאָנאָמישע פראַגן קומען נאָך צו ריין פאָליטיש־מיליטערישע פראָבלעמען. כידוע פילט זיך די יונגע מדינה פון ישראל באַדראָט פון די שכנותדיקע אַראַבישע מלוכות און מוז זיך כסדר גרייטן צו אַ מיליטערישער פאַרטיידיקונג, וואָס פאַרשלינגט גרויסע סומעס פון דעם נאַציאָנאַלן בודזשעט און וואָס וואָלטן געקאָנט אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען באַנוצט ווערן פאַר פראָדוקטיווע צוועקן: פאַר אויפבוי און קאָלאָניזאַציע. האָט דער פאַקט פון דער פאָליטישער אומזיכערקייט און פון באַוואָפענונג אַ שעדלעכע ווירקונג אויף דער עקאָנאָמיע פון לאַנד. קומט נאָך צו, אַז צוליב דעם, וואָס מיר האָבן נישט קיין שלום מיט די אַראַבער, זיינען אונדז דערווייל פאַרלוירן געגאַנגען די שכנותדיקע מערק אויף וואָס מיר זענען אין אַ גרויסער מאָס אָנגעוויזן, סיי פאַרן אימפאָרט פון לעבנסמיטלען, רוי־שטאָפן און בעיקר טאָקע נאַפט, און סיי פאַרן עקספאָרט פון אינדוסטריעלע אַרטיקלען און אַנדערע פראָדוקטן. איז דער מצב דערפאַר טאָקע ביי היינטיקן טאָג זייער אַ קריטישער. אָבער נישט געקוקט אויף די עקאָנאָמישע שוועריקייטן און דעם פאָליטיש־מיליטערישן אומזיכערקייטס־פאַקטאָר, גייט אָן אַ מאַסן־אימיגראַציע, וואָס קיין שום לאַנד



אין דער וועלט וואָלט אַפילו וועגן דעם נישט געקאָנט חלומען.

וואָס פאַר אַ סאָציאַלן פנים האָבן אָט די אימיגראַנטן, וואָס שטראָמען אַריין אין לאַנד פאַר די לעצטע דריי יאָר מיט אַ פערטל? דער רוב באַשטייט פון קליינע בעל־מלאכות, הענדלער, קרעמער, פעדלערס און סתם לופט־מענטשן. פאַרשטייט זיך, אַז אונטער די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לאַנד, איז די אַריינגלידערונג פון אַזאַ גרויסן, נישט־האָמאָגענעם מאַסן־עלעמענט אין די עקאָנאָמיע פון לאַנד און אים פאַרוואַנדלען אין אַ פראָדוקטיוון, שאַפנדיקן עלעמענט, אַ קאָמפליצירטער, לאַנגער און בעצם קאָסטשפיליקער פראָצעס. מוז מען אַ סך פון די עולים איבערשיכטן און אַריבערפירן אין נייע פראָפעסיעס, כדי זיי צוצופאַסן צו דער רעאַליטעט פון ישראל. מוז מען אויך אין זינען האָבן, אַז נישט אַלע פון די נייע עולים זיינען אין אַן אַרבעטס־פעאיקער עלטער. עס געפינען זיך צווישן זיי קינדער, עלטערע און אַלטע מענטשן, אויך קראַנקע, וואָס קענען נאַטירלעך נישט אַרבעטן און זיינען דערפאַר אַ לאַסט פאַרן לאַנד.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע שוועריקייטן און מכשולים, זיינען די אויפטוען אויפן געביט פון אַבסאָרבירן און אינטעגרירן די נייע עליה שוין גאָר וויכטיקע און וואָגיקע. אַ סך איז שוין געוואָרן געטאָן און מען האָפט, אַז די דערגרייכונגען אין דער נאָענטסטער צוקונפט וועלן נאָך זיין אַנזעעוודיקער און גרעסער. אַ גרויסער טייל עולים איז געוואָרן מיט דערפאָלג אַריבערגעפירט אין די לאַנד־ווירטשאַפט, ווו זיי געפינען אַרבעט און חיונה. אַ סך ווידער זיינען פאַרנומען ביים בויען הייזער און עפנטלעכע אַרבעטן, אין דער אינדוסטריע, קאָמוניקאַציע, ביי דער רעגירונג אין פאַרשיידענע אַמטן א.ז.וו. ציפערן באַווייזן, אַז איבער 20 פראָצענט פון די עולים אַרבעטן יעצט אויפן לאַנד. זיי זיינען באַשעפטיקט אין כל המיני צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, אַריינגערעכנט וואַלד־באַפלאַנצונגען (יעור) און לאַנד־רעקלאַמאַציע. עס איז אויך געלונגען אין אַ גרויסער מאָס זינט 1950 צוביסלעך אויסצולײדיקן די עולים מחנות (די אויפנעם־לאַגערן) און אַריבערפירן איבער 100 טויזנט מענטשן אין די מעברות (טראַנזיט לאַגערן), ווו זיי לעבן משפחות־ווייז אין געצעלטן און באַראַקעס, אָבער אַרבעטן און פאַרדינען, ווערנדיק אויף אַזאַ אופן פראָדוקטיוו און זעלבסטשטענדיק און נישט מער אָפהענגיק פון קצבה.

* * *

די מדינת ישראל איז היינט־צוטאָג אַ געוואַלטיקער שמעלץ־טאָפ, ווו עס גיסן זיך צונויף פאַרשיידענע שטראָמען און ווו עס קאָכן זיך און איבערקאָכן זיך אַזויפיל ייִדישע שבטים, אַזויפיל רעשטלעך פון דעם וועלט־פאָלק, וואָס, לאָמיר האָפן, וועט דערפון אַמאָל ווערן אַ גאַנץ, אייניק פאָלק, מיט אַן אייגענעם, גייסטיקן קלסתר פנים און אַ באַשטימטן קולטור־ווילן. דערווייל איז וועגן דעם שווער צו זאָגן נביאות. עס איז נאָך לעת עתה אַלץ אין פלוס, אין באַוועגונג און טראַנספאָרמאַציע. אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג איז די יוגנט, וואָס וואַקסט אויס אין לאַנד. עס איז כדאי זיך אויף איר אומצוקוקן, באַאָבאַכטן איר

אַנטוויקלונג און זען צו וואָס זי שטרעבט. זי איז בלי שום ספק אַ גוטע, אָן איבערגעבענע יוגנט, מיט אַ סך פֿײַער און מסירת נפש. זי איז שטאָלץ און זעלבסטזיכער. זי איז אַ מיליטאַנטע יוגנט. עס האָט זיך אין איר דערוועקט דער גייסט פֿון די אַלטע כובשים, פֿון די אַלטע באַצווינגער און זיגער. באַאומרואיקט מיך אַביסל דאָס, וואָס זי זעצט צופֿיל אויף זיך, וואָס זי איז אַזוי איינגעגלויבט אין אירע נצחונות, וואָס זי איז צו שטאַרק אַרײַנגעטאָן אין דער קעגנוואַרט און פֿאַרגעסט אין דעם עבר. (אפֿשר קאָן עס גאָרנישט אַנדערש זײַן, בשעת דער יונגער דור איז צופֿיל פֿאַרטאָן מיט אויפֿבוי און גאולה). עס באַמערקט זיך זייער אָפֿט, אַז דער נײַער דור אין ישראל איז אַ דור „אשר לא ידע את יוסף“, וואָס ווייסט שוין גאָר ווייניק וועגן נעכטן, וואָס וואַקסט אַרײַן מיט ביידע פֿיס אין דעם הײַנט. ער האָט דערפֿאַר קיין שום פֿאַרשטענדעניש נישט פֿאַר יענע הויכע קולטור־ווערטן, וואָס דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געשאַפֿן אין משך פֿון אַ לאַנגער תקופה מחוץ פֿון א״י. דאָס איז פֿאַר אים הײַנט ממש סתרי תורה און דערפֿאַר פֿרעמד און אפֿשר טאַקע נישט אינטערעסאַנט. דערפֿון נעמט זיך אויך וואָס זײַן באַציאונג צו ייִדיש, אונדזער מאָדערנעם לשון קודש, איז אַ גלײַכגילטיקע און אַ קאַלטע. עס פֿאַרבינדט די הײַנטיקע ארץ־ישראל׳דיקע יונגוואַרג גאָרנישט מיט דעם לשון פֿון די מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן און זייער דערהויבענער קולטור. וואָס ווייס זי וועגן דעם? פֿאַר איר איז דאָס גלות, און אַלץ, וואָס איז גלות האָט זי געלערנט צו פֿאַראַכטן און אַפֿילו גאָר פֿײַנט צו האָבן. וואָלט מען געדאַרפֿט אין ישראל אַביסל מער אויפֿמערקזאַמקייט שענקען אָט די פּראָבלעמען, איידער עס קאָן ווערן צו שפּעט. האָט זיך דער גרויסער מאָלער מאַרק שאַגאַל, זײַענדיק לעצטנס אין ישראל, פֿאַר מיר פֿאַרטרויט, אַז די בטול־באַציאונג מצד דער יוגנט צו געוויסע פֿאָלקס־שאַפֿונגען איז פֿאַר אים אַ קוואַל פֿון טיפֿן ווייטיק. ער איז געווען ממש באַגײַסטערט פֿון לאַנד, פֿון אַלץ, וואָס ער האָט געזען. אָבער, האָט ער צוגעגעבן מיט פּאַטאָס: „עס איז די פֿליכט פֿון די מנהיגים כסדר צו פּאַמפּעווען דאָס לאַנד, בעיקר די יוגנט, זיי לערנען, דערציילן פֿון דער גרויסער פֿאַרגאַנגענהייט, פֿון דער רײַכער קולטור, אַז זיי זאָלן זי האַלטן בכבוד און זי נישט מבטל מאַכן.“

ווי סתירותדיק דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז מען אָבער צוגעבן, אַז בײַ די ברייטע מאַסן אין ישראל פֿאַרנעמט ייִדיש דערווײַל נאָך גאָר אַ בכבודיקן פּלאַץ. די צאָל ייִדיש־לייענער איז גרויס און האַלט אַפֿילו אין איין וואַקסן. אויף דעם זאָגט עדות נישט נאָר דער וואַגיקער ייִדיש־רעדנדיקער עלעמענט אין לאַנד, נאָר אויך די צאָלרײַכע פּובליקאַציעס, צײַטונגען און זשורנאַלן, וואָס דערשײַנען אין ייִדיש בײַ הײַנטיקן טאָג. צו זאָגן נביאות וועגן דעם צוקונפֿט פֿון ייִדיש אין ישראל איז נישט מײַן אויפֿגאַבע. געדערכט איז אָבער דוד פּינסקי, דער נעסטאָר פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ישראל, וואָס האָט מיר געזאָגט: הלואי וואָלט ייִדיש געהאַט אַזויפֿיל לייענער אין חוץ לארץ ווי בײַ אונדז, וואָלט דער כבוד פֿון ייִדיש אויך דאָ אין לאַנד געשטאַנען אַ סך העכער.

ישראל — דאָס איז די הײַנטיקע ייִדישע רעאַליטעט. עס איז אַ רעאַליטעט



אפֿשר מיט אַ פּגימה, מיט חסרונות און שוואַכקייטן, מיט שוועריקייטן און קריזיסן, אָבער וואָס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם מיט איר פֿאַנטאַסטישער פֿאַרעמלאָזיקייט און גראַנדיעזער קאָנצעפּציע. עס איז אַ לאַנד אַ יונגס, אַ קליינס, אָן אָרימס, אָבער מיט אַ סך ברען און מסירת נפש, וואָס קעמפֿט שווער נישט נאָר פֿאַר זײַן קיום, נאָר פֿאַרן קיום פֿון גאַנצן פֿאָלק. דאָס אַלט־נײַע פֿאָלק קומט אַהיים. עס האָט באַשלאָסן צו זײַן בײַ זיך אין דער היים, נישט געקוקט אויף אַלע מכשולים און אָפּהאַלטן. זײַנען דאָך ייִדן עפּעס „מאמינים בניהם של מאמינים“, אַלטע אָפּטימיסטן, דורות לאַנג געגלייבט און געהאָפֿט. ווײַזן זיי, אַז הגם דער חשבון שטימט לעת־עתה נישט לויט די געזעצן פֿון לאָגיק און עקאָנאָמיק, וועט ער שטימען מאָרגן, שפּעטער. נאָר דורך זײַן אויסגעבענקטער ליבשאַפֿט און זײַן עקשנותדיקער איבערגעבנקייט וועט זיך דער הײַנטיקער און אודאי שוין דער מאָרגנדיקער דור טיף אַרײַנבײַסן אין דער האַרטער, פֿאַרברענטער, זאַמדיקער ערד פֿון א״י און זי באַפֿרוכפּערן מיטן שווייס פֿון זײַן אַרבעט און מיט די פֿריידיקע טרערן פֿון גאולה.

לאָנדאָן, אויגוסט, 1951.

## אריה שדמי־דן (ישראל)

פֿון לאָנדאָן קיין ישראל אַ מהלך
אַ ווײַטער, און ים אַזאַ מין טיפֿער —
און ס׳דוכט זיך מיר, איך קען אײַך דאָרטן אַלע,
און אַלעמען שרײַב איך מײַנע בריוולעך.

ס׳האָט גורל מיך מײַן ייִדישער פֿאַרטראָגן
צו לעבן אין לאָנדאָן פֿונדערווײַטנס.
כ׳האָב ליב דיך עפּעס, ווייטשעפּל געקראָגן,
און כ׳שמועס זיך מיט דיר דורך אין יעדער צײַטונג.

כ׳קאָן פּאַלמען, עובדן און שטענצלען,
כאָטש כ׳האָב זיי נאָך אין לעבן נישט באַגעגנט,
אין שטוב מײַנער, באַלאָדענע מיט רענצלען
קומען ליבע געסט פֿון ווײַטן וועג . . .

איר קומט צו מיר מיט „לשון און מיט לעבן“,
געקומען זענט איר פֿריִער מיט דער „צײַט“,
און איצט מיט דער „שטימע“, איר צום לעבן —
די טיר איז אויפֿגעפּראַלט אין דער ברייט.

כ׳בין אין ווײַטשעפּל נאָך קיינמאָל נישט געווען,
און כ׳ווייס נישט צי איך וועל אַמאָל פֿאַרפֿאָרן —
נאָר ס׳דוכט זיך מיר — איך האָב דיך שוין געזען,
און נאָענט דו ביזט מיר ווײַטשעפּל געוואָרן!

## א. נ. שטענצל

# קיבוץ גלויות

(צוואַנציק שאַטן־שניטן)

### אר ץ

גרינג געווען פון דער ערד דאָרט אַ מענטש צו מאַכן,
אַ ווייב פון אַ ריפּ, פון איינע פון זיינע זייטן,
און ווו די וועלט נאָר אַן עק האָט, — אין אַל־די־העק! —
זייערע קינדער איבער דער וועלט צו צעשפּרייטן.

אַ קונצשטיק אַ שטיק ערד, אַ פּעטס, אַ געקנאַטנס,
צערייבן, צעמאַלן און אין שטויב צו פאַרבייטן — —

אָבער די שטויבעלעך צוזאַמענצוקלייבן,
און פון זיי אַלע איין שטיקעלע ערד צו מאַכן,
אַ שטילס, אַ רואיקס, אַ צעבליטס און צעוואַקסן,
דאָס־אַ צו מאַכן ס'איז נישט פון די גרינגע זאַכן.

אַז עס וועט אים געלינגען דאָס־אַ צו שאַפן,
גאָט אַליין, פאַר גרויס פרייד, וועט זיך אַוש צעלאַכן.

### אויפן כביש

ווי אַזוי ער שטייט דאָ מיט שפּאַדל אין דער האַנט?
ווי אַזוי איז אברהם פון קאַלך־אויוון אַרויס?
אַז גאָט אַליין קאָן עס זיכער נישט באַגרייפן,
איז ווי אַזוי ער, אַ פשוטער חלוץ בלויז.

אַן אויסגעצויגענע האַרמאַניקע אויף שויס,
ציט ער מיט שטייפע הענט זיינע דעם כביש דאָ אויס.

איז עס סמאַלע דען אין ברענענדיקן קעסל,
און דאָס געריש — צעמיש פון זאַמד און צעמענט?
אָדער שיט זיך נאָך אַלץ דער ברענענדיקער אַש,
פון אַן אויוון וואָס אונזערע ביינער פאַרברענט?

עס איז זיין האַרץ אַ צעשפּילטע האַרמאַניקע,
אויסגעצויגענער כביש אין זיינע פּעסטע הענט.

### כ א מ ס י ן (געווידמעט „קיבוץ לוחמי הגעטאָ)

זאַמד בערג קאָן אַ כאַמסין אַרויקבלאָזן,
אַש פון מיליאָנען קאָנען עס אויך ווערן,
אָבער נישט אַ גרעזעלע וואָס וואַרצלט,
און וויל זיך מיט אַלע כוחות דערגערן —



די שטויבעלעך נאָך זיי האַלטן צוזאַם,
און מעג דער שטורעם די וועלט איבערקערן!

אַ פייער פלאַקערט און ברענט זיך דאָך אויס,
און דער גרעסטער פלאַם מוז פאַרלאָשן ווערן,
אָבער נישט אַ פונק וואָס טליעט אין אַש,
צו גליען עס קאָן קיינמאָל נישט אויפהערן —

פלאַמיקע הערצער וואָס האַלטן צוזאַם,
דער שטן אַליין קאָן זיי נישט צושטערן!

### א מאראקאנער ארומטרייבער

פאַר אַ שטיק ברויט וועט ער דאָס ווייב זיינס פאַרקויפן,
און פאַר אַ ווייב דעם אייגענעם ברודער דערשטעכן;
עס פאַלדעוועט זיך זיין הויט דיק איבער זיין לייב,
אונטער אַ שטומפיק מעסער קנאַלנדיקע בלעכן.

אָבער עפּעס אַזוינס אינם האַרצן טראָגט ער,
זיין נשמה דערפאַר וועט ער לאָזן אויסדעכן.

און אויב מאַנכעס שטיק ערד דאָרט, אַרום הר תבור,
תאווהדיק פאַרבענקט איז נאָך די אַראַבער לייבער,
נאָך דעם טעמפּן הילך, ווען זיי צעיאַכמערן זיך,
שלאַנגנדיק וואַרעמע צעפאַלדעוועטע ווייבער —

אַ פאַרוואָגלטער „ארמי אובד אבי"
עס איז נאָך אַזאַ מאַראַקאַנער אַרומטרייבער.

### „יחי מלך המשיח"...

אויף אָדלער־פליגל געפלויגן — פון תימן!
מיט וואָס אָנגעקומען אין הייליקן לאַנד?
מיט ליידיק קעסטל פאַר שוואַקס און בערשטל,
אַ פאַר שיך כאַטשיק צו פוצן נאָכאַנאַנד.

נישט חלילה וואָכעדיקע מטבעות —
די זון מען וועט זיי שטופן אין דער האַנט!

וואָרים אַז די ערד איז גאָטס פיסנבענקעלע,
גייט ער דאָך זיכער נישט באָרפוס און אָן שיך,
און נאָך צוויי טויזנט יאָר גיין איבער דער ערד,
ווי שטויביק מוזן זיין די שיך פון משיח — —

זיינען זיי דאָך געקומען פון עק וועלט אַזש,
אויף אָדלער־פליגל געפלויגן אַזוי גיך.

## דער פּאַטריאָט

בסך־הכל געקומען ר׳איז מאַכן „ביזנעס,
אָבער דרייען דרייט ער זיך אַרום ווי אַ משיח;
און זיין „לעדי״ אין פּערל און אין דימאַנטן,
גלייך דעם גאַנצן גלות געטראָגן זי וואָלט אויף זיך.

„האַרי־אַפּ, האַרי־אַפּ!״ עס זיינען דאָלאַרן!!
און פאַ־אַמעריקאַנסקו מוז עס גיין, אויף דער גיך.

וואַקסן שטאָקן אויף שטאָקן זיינע מויערן,
ווי דאָס בייכל זיינס, ווי דער אויסגעקיילעכטער פּליך,
ווי דער גוידער אַרום איר פעטער געמבע —
אַן אָפּגעדעקטער, במחילה, צעשאָקלטער דיך:

אַ, אַז זיי וואָלטן אונז נאָך צוצאָלן געמוזט — —
ווי שלאַנק זיי בליבן פון העצן זיך אין דער גיך — —

## דער טוריסט

אין לייכטן העלן אַנצוג, אין פּאַנאַמאַ הוט,
די טאָפּלטע תיר־תלשים אין בוזעם טאַש,
און ווען די קאַר שטעלט זיך אָפּ אין מאה־שערים,
איז ווי ר׳וואָלט אַ זיפּ געטון פון דער וויסקי פלאַש —

ס׳מישט זיך אים אין קאָפּ: אייבראַהאַם, איזעק, דזשעקאָפּ . . .
און די אויגן פייכטן זיך אים: אויטשיזני נאַש!

און וואָס מען ווייזט אים נישט אַלץ אויפן הר־ציון,
צומאָל זיין טאַטנס געבליבענע ביסל אַש — —
אין קיבוץ, ווען ער קומט צווישן די פּועלים,
גיט ער זיי מיט זיין דיקן טשעק־ביכל אַ סטראַש!

און אין בית עולים טאַפּט ער נערוועז, צי ער האָט נאָך,
זיין אַמעריקאַנער פּאַס אינם בוזעם־טאַש . . .

## דער „פּקיד״ . . .

וואָס בייכיקער ס׳ווערן די זאַמל פּושקעס,
אַלץ גרעסער ווערט זיין וואַקסענדיקער בויך,
און ערשט אַצינד פון דער פאַרגיטיקונג,
במחילה, פונם קרעמאַטאָריום רויך.



נישט נאָר פון קאָנסערוו־פּושקעס — פון קדושים־אַש
אַ פּעט ביינדל אָפּלעקן מען קאָן אויך!

בית עולים די־פּי׳ס, מעפּילים, חלוצים,
תרבות שקצים! פאַר אַ וואָרט, פאַר אַ הויך,
וואָרים באמת, אין תוך, ווער זייט איר דען,
פּליטים־רעשטלעך פאַר קיינעמס מער געברויך.

אַ פּיפּס, נאָר פונם מויל אַן איינציקן הויך,
און גאַנצער גלות קרעמאַטאָריום רויך — — —

## דאָס זשורנאַליסטל . . .

פון לויפן איבער שוועלן פון רייכע האָטעלן,
וו ס׳שטייען אַמעריקאַנער, ס׳האָט שוין פלאַט־פיס;
פון טאַפּן קהלשע קלאַמקעס, שוויצן אים די הענט.
(אַז ס׳אינטערוויוען, נישט נאָר אים — ס׳ווערט זיי נישט מיאוס!)

יעדער צעקלאַפּטער שרייב־מאַשין־זאַץ, טאָקע עברית,
אָבער פול ר׳איז בלע״ז: מיט „טענקיו״ און מיט „פּליס״.

ער ציטערט פאַר יידיש ווי פאַר אַ בייזער שוויגער —
אַ זיידן אידעמל וואָס זיצט אויף גוטע קעסט!
אַ נפשל, לעקט פון אויבן און שמעקט פון הינטן —
אַ „שוויצער״, וואָס שוויצט ווילד מיט יענעמס שוויים פאַרמעסט — —

ס׳שרייבט אָנגעשפּיקעוועטע צנע־אַרטיקלען,
און הינטער פאַרשלאָסענער טיר זיצט עס און ס׳פּרעסט.

## אַ שליל־הגלותניק

אויסגעליידיקט שוין דעם גאַנצן גלות,
לעקט ער אויס דעם שריים פון דער שיסל;
אויפגעפרעסן שוין די פעטע יאָדרע,
פייפט ער פונם ווערעמדיק הוילן ניסל.

וואָס ברויך דען אַזאַ מעלה־גירהניק?
אָנגעפרעסן זיך ווייזט ער ס׳חזיר־פיסל...

אַ הונגעריקער צי אַ זאַטער שוין —
אַ בעטלער בלייבט בעטלער און תמיד ער שעלט!
אַ ל״ו־ניק בלייבט אַ הייליקער,
צומאָל אין קריע־בליאה־בגדים פאַרשטעלט.

ער שנאָרעט נישט חלילה ביים פרעמדן טיש —
גלות־לײדן גײט ער איבער גאָרער װעלט!

## די געדעכטע טענה פון א הויכן ישראל־באאמטן

מילא, אַז אַ ישראל באַאַמטער נעמט „חלה״,
בלײבט כאָטש די מאַטניאַ אין הײליקן לאַנד,
בױט זיך נאָך אַ װיליע, לױפט נאָך אַ לקסוס קאַר;
און איז דאָס חלילה פאַר אַ מדינה אַ שאַנד.

אַז נאָך אַ סאַברע פאָרט אין סאָרבאָנע שטודירן,
מיט װאַלוטע דעװיזן װאָס זענען קוראַנט?

יעדעס ייִנגל װײסט שױן, בײ יעדן חשבון צדק,
פאַלט האַלב אין װאַסער אַרײַן, האַלב נעמט צו די װאַנט,
און דאָס נעמלעכע מיט פעקלעך און מיט שוק־השחור:
די נױטקע קאַלאָריען בלײבן דאָך אין לאַנד!...

אָבער אַז דער אַפּיל־אַפּישל אין דער דיאַספּאָרע שױן,
האָט גרױס װי דער גלות שױן אַ לאַנגע האַנט — — —

## א ישראל ייד שאקלט נעבעך גלותדיק מיטן קאפ

פּאַראַדן, דעפּילירן, סאַלוט־שיסן און טשעסט,
רעדעס האַלטן פון די װאַרענדעס אַראָפּ — —
צומאָל דאָס אױג פאַרקװעטשן מיט אַ מאָנאָקל!...
אָבער זײַען, שנײַדן און בינדן אַ סנאָפּ?...

און ביז מען דערלעבט עס שױן און מען דערזעט עס,
דאָס קאַרטאָפעלע זאָל זיך קאָכן אין טאָפּ.

פענדלעך איבער טײַערע דיפּלאָמאַטן קאַרס,
(דער שאָפער עפענט נאָך די טיר דעם סנאָב!)
פּראַכט פּאַלאַצן מיט לאַקײ פאַר טיר אין ליװרע — —
אָבער אײדער מען דערלעבט דעם דאַך איבער קאָפּ!

„עד חצי המלכות״ כ׳װאָלט זײ מוחל געװען,
װען פאַר װײב און קינד די תלשים כאָטש אין טאָפּ.

## דער דיפלאמאט פאר עקסעלענץ

אַן אַמבאַסאַדאָר, אַ קאָנסול אַ קונצשטיק צו זײַן,
אַז װעלכער ייד האָט דאָס נישט קײן מיניסטער קאָפּ?
נאָך זײַן ערשטן באַזוך בײם קעניג כ׳האָב אים געזען,
אונטער אָרעם ס׳שטעקעלע מיט זילבער קנאָפּ.



אַ. פון זײַן גאַנץ גאַלאַנטקײט אַרױסגעזונגען האָט:
„אױ, דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער כלאָפּ״ —

אַ שװאַרצער פראַק, אַ געפּרעסטע הױז, דער „אידן״־הוט,
פון קוריער געבערענגט אַקאָרשט פון אַ באַנד סטריט שאָפּ;
דיפּלאָמאַטיש פּאָמאַדיש דער שרײַנט אינם פריזור,
סטראַטעגיש געצױגן ביז צום פּליך און אַראָפּ —

פון זײַן גאַנץ עלעגאַנטישקײט אַרױסגעזונגען האָט:
„אױ, דו נאַרישער בחור, דו נאַרישער כלאָפּ״ —

## דער לייב פון יהודה

אַז דער פוקס קאָן נישט אַרײַנקומען אין גאָרטן,
זאָגט ער אַז די װײַנטרױבן זײַנען זױער;
ער האָט נישט קײן הערנער, אָבער אַ קלוגע צונג,
ר׳בלײבט נישט שטײן שטום, װי אַן אָקס פאַרן טױער —

אָט אַזױ־אַ איז בילכער רחובות,
אײדער כותל־מערבי חרבה־מױער — — —

אָבער, אַז געװאַלטיק דער לײב װעט אָנקומען,
װער װעט זיך אַקעגנשטעלן זײַן װילן?
אונטער זײַן טראָט די טױערן װעלן אײַנפאַלן,
װען אױף די יהודה בערג ר׳װעט זיך צעברילן —

אַ לאַך־טױב װעט זיך שכינה דעמלט צעלאָכן,
אַ צעװײנט קינד װאָס מאַמע טוט עס שטילן —

## דער סאברע

„ונער קטן נוהג אותם״

די טונקלנישן פון אַלע מענטשן מינים,
גאָרער האַרטקײט פון דער װאַגיקער ערד,
מוז זיך שפּיגלענדיק אין אים ליכטיק צעבלאַנקען;
שאַרף אױסגעשליפן עס מוז זײַן יענע שװערד.

אַ פלינקע באַװעגלעכע און אַן פגימה,
ביז אין אַקער־אײַזן פאַרװאַנדלט זי װערט.

געניג שױן אױף כף־הקלע עס יאָגט זיך די װעלט,
מיט װאָרט געכאָרכל װאָס װערט קױם נאָך דערהערט —
אױסגײענדיקע „שמע״ צװישן צײַנער־געשליף,
אַש־גרױ געפּלאַשע פון גוססדיקע בערד — —

ווען דאָס מעשהלע פֿון וואָלף מיט שעפּעלע,
וואָס דאָס ייִנגעלע פֿירט — מקוים שוין ווערט.

## אויף יענער זייַט ירדן

אויפֿן באַרג נבו דאָס לאַנד כנען ר׳האָט דערזען,
אויף זייַן לעבן משה אויפֿגעהערט האָט צו בעטן:
אַ לאַנד פֿון אַזוי פֿיל שטיינער און אַזוי פֿיל זאַמד
ער האָט מורא געקראָגן עס איבערצוטרעטן —

יענעם „איש עברי״ וואָס געשלאָגן דעם צווייטן
פֿאַר די אויגן זייַנע, מיט אַמאָל ער, דערזעט׳ן — —

אַ לאַנד איז נישט קיין מדבר, מ׳לעבט נישט פֿון מן,
מיט לויטער גערעכטיקייט צו קענען אויסהאַלטן,
אָדער זיי וועלן מיך אויף טויט פֿאַרשטייניקן,
אָדער נישט איין אַזאַ ייִד אין זאַמד כ׳וועל באַהאַלטן —

נישט אויף לעבן מער — פֿאַרן לאַנד ר׳האָט געבעטן,
און זייַן קאָפּ צעשפּאָלטן צווישן די פֿעלזן־שפּאַלטן.

## דער ירדן

גין־גאָלדנע גלעקלעך אין אַ קעניגס קרוין — —
פּולע זשמעניעס גאָלדשטיקלעך אין צעשיטן — —
דאָס וואָס אַזוי קלאָר און בלאַנק געקלונגען,
אין אַ שאַרפֿע קלונג גאָר ס׳האָט זיך פֿאַרביטן.

אַ, אַז מיטן ירדנ׳ס בלאַנקע כוואַליעס
מען האָט אונזער לאַנד אויף צווייען צעשניטן.

לויטער קלאָר כולו זכאי ס׳ווערט די זון,
ווען געטובלט זי שווימט אין זייער מיטן;
איבער דער בריק געוואָרפֿן איבער זיי,
קומט משיח אָן אויף ווייסן פֿערד געריטן.

און איז נישט כולו חייב אַזאַ וועלט,
מיט זיי אונזער לאַנד אויף צווייען צעשניטן.

## דער זינגענדיקער ירדן

אַ וווּנדער אַז אַזוי שמאָל ר׳איז דער ירדן,
אַז מיטגענומען אים ווו מיר זייַנען געגאַנגען;
זייַן פֿריידיק געמורמל איבער די ברעגעס,
די הערצער טרויעריקע אָנגעפֿילט מיט געזאַנגען.



די אויגן מיט טרערן פֿאַרלאָפֿן ווערן,
און אונזערע טאָפּנדיקע הענט אים דערלאַנגען.

און איצטער „הירדן יסוב לאחור״ — —
וועלן מיר פֿון זייַנע ברעגעס דען צוריקבלייַבן?
מיר ברענגען אים צוריק, גרעסער ווי ער איז —
פֿון אונזערע הערצער געוואַלטיק אַרויסהייבן!

גאַנצן קיילעך ערד — אַ יאָגנדיק מילראַד,
מיט זינגענדיקע שטראָמען עס אייליק אַנטרייַבן.

## ירושלים

נאָך רינגלען מיר די גאַנצע וועלט אַרום מיט דיר,
און אַלע מענטשן פֿאַלן פֿאַר דיר אויף די קני;
דאָס אָפּבילד פֿון דיר, צעשפּיגלט אין יעדן הארץ —
אין טייַכל די זון אין ליכטיקן אין דער פֿרי.

עס ווערט שטיל, עס ווערט לויטער, עס ווערט געהייליקט,
צו דערטראָגן יעדע מאַטערניש נ׳שווערע מי.

תּפֿילהדיק שעפּטשענדיק דיך, ירושלים,
מיט אונזערע ליפּן מיר ריידן דיך אַרויס,
און גאַנצע וועלט ווערט פֿול גענאַד און דערבאַרעמיק,
און יעדע מינדסטע שטוב גאָטס געהייליקטע הויז.

ס׳האָבן דיך די נביאים מיט זייערע קעפּ
אַריסגעשלאָגן פֿון געשטיין וווּנדערלעך גרויס.

## ארץ ישראל

שוין וואַרצלען מיר דאָרט מיט אָדערן אין די פֿעלדזן,
נאָר אין אונזערע הערצער נאָך מדבר־שרעק, געהיימער;
מיר מוזן בלויז די ערד מיט גרינס ווידער באַקליידן,
איר שאַנד באַדעקן מיט צעבלעטערטע פֿייגן־ביימער.

פֿון די העכסטע שטיינבערג, די ווילדע ציגן סטאַדעס,
פֿילן שוין אָן, שוימיק־שטראַליק, ליידיקן מילך־איימער.

און אויף שפּיץ באַרג, אויף העכסטן, דער שטאָלצער שטיין־באָק,
די הימלען צו דערגרייכן פֿאַרריסן זייַנע הערנער,
די ערד טיף צעאַקערט ער מיט די פֿלינקע שאַרפֿן,
צו פֿאַרזייען אין איר די געווינטשויפֿלטע קערנער.

און גלייַכע פּאַלמען און צעצווייגטע צעדערביימער
וואַקסן שטאָלץ אויף פֿון שטויב פֿאַרפּלאָנטערטע סאַברע דערנער

## יוסף הלל לעווי

# איך שטיי בײַ אַ טײַכל

איך שטיי בײַ אַ טײַכל נעבן אַ מיל,
און שיק צו די כוואַליעס מײַן בליק;
זיי פֿליסן אַוועק ערגעץ ווײַט אין דער שטיל,
און קומען שוין קיינמאָל נישט צ׳ריק.
עס נעמט מיך אַרום אַזאַ איינזאַם געפֿיל
צעוויגט פֿון דער כוואַליעס־מוזיק.

איך זע, ווי איין כוואַליע יאָגט נאָך אין דער ווײַט —
די צווייטע וואָס לויפֿט גיך אַוועק,
אַזוי האָט אויך טרויעריק געיאָגט זיך מײַן צײַט
נאָך גליקליכער העלערע טעג...
עס קומט אָן אַ ווינטל, די זון שטיל פֿאַרגייט,
דאָס מילראָד באַוועגט זיך מיט שרעק.

ס׳ווערט טונקל — אַזוי ווערט אויך טרויריק מײַן זין,
און ס׳האַרץ מײַנס פֿון אָנוגגען שווער.
צי איז נישט פֿון לעבן דער העכסטער געווין —
נאָך יעדער אבֿדה די טרער?...
אַזוי וועל איך באַלד, ערגעץ ווײַט אויך אַהין —
ווו קיינער קומט צ׳ריק שוין נישט מער.

עס גליִען אין הימל אויף שטערן גאָר פֿיל
באַהיט פֿון לבֿנה מיט גנאָד,
עס דרייט אָן אָן אויפֿהער זיך טרויריק און שטיל
פֿון מיל אַלץ דאָס זעלביקע ראָד.
אַזוי אַרום מיר אויך עס דרייט אָן אַ גבֿיל
מײַן לעבן אַרום זיך פֿאַרבענקט אָן אַ ציל.

---

בקרוב וועט דערשײַנען
אַ בוך געקליבענע לידער און עסייען
איבער „לאָנדאָנער יידישע שרײַבער“ און זייערע ווערק
פֿון י. ה. לעווי.

---



## י. ל. פײַן

# מײַן „אני מאמין“

(י. ג. עקרים)

**א.** איך גלויב
אַז דער גאָט פֿון רחמנות
וויל ניט קיין תענית
פֿאַרן מענטש זיך צו פּײַניקן
אום די נשמה צו רייניקן.

**ב.** איך גלויב
אַז העלפֿן יתומים אלמנות
איז בעסער ווי אַ תענית,
סײַ פֿאַרן רבונו של עולם
און סײַ פֿאַרן מענטש, און זײַן צלם.

**ג.** איך גלויב
אַז דער גאָט פֿון יושר
דאַרף ניט, אַז דער עושר
זאָל פֿאַר אים בויען אַ שול,
וואָס נאָר יום כפור איז פֿול.

**ד.** איך גלויב
אַז אין האַרצן זיך שלאָגן,
און על חטא זאָגן,
איין מאָל אין יאָר,
איז היפּאָקריטיש גאָר.

**ה.** איך גלויב
אַז בײַ אַ באַרג אָדער טאָל,
בײַ אַ טײַך אָדער קוואַל,
קען מען זאָגן בעסער אַ תפֿילה
ווי מיט דער גרעסטער קהילה.

**ו.** איך גלויב
אַז די תפֿילה „הנני העני“
באַגלייט פֿון אַ פֿויגל סימפֿאָניע
אין אַ וויסטן וואַלד,
דערהערט גאָט באַלד.

**ז. איך גלויב**

אַז אַלע גזרות
קומען פון מענטשן ברירות,
ביי וועלכע דער „חיים“ און „מות“
ווערט באַהאַנדלט אין קאַטאָוועס.

**ח. איך גלויב**

אַז גאָט שרייבט ניט און מעקט ניט,
און די הימלען פאַרפלעקט ניט
מיט כתיבות און חתימות
פאַר אַלע זיינע אומות.

**ט. איך גלויב**

אַז ס'איז ניטאָ אַ משיח,
אַ גאָט'ס געזאַלבטער שליח,
וואָס וועט די מענטשהייט דערלייזן
פון זייער ווילן דעם בייזן.

**י. איך גלויב**

אַז יעדער מענטש אין זיך
ענטהאַלט אַ משיח
וואָס קען די גאולה דערפילן,
ווען ער זאָל נאָר ווילן.

**יא. איך גלויב**

אַז דער גן־עדן און גיהנום
איז נאָר אויסגעטראַכט פאַר יענעם
וואָס ליידט ביים לעבן הונגער, נויט,
אום צו טרייסטן מיט נאָכן טויט.

**יב. איך גלויב**

אַז גאָט האָט נאָר איין וועלט געגעבן
פאַרן מענטשן ד אָ צו לעבן.
און ווען דער טויט אים ענדיקט דאָ,
איז קיין אַנדער וועלט פאַר אים ניטאָ.

**יג. איך גלויב**

אַז יעדער מענטש מוז גלויבן
אין עפּעס גלויבן,
ווייל אָן אַ גלויבן
איז ניט ווערט צו לעבן.





## לעא פינקלשטיין—איינער פון א דור

די לעצטע פּאָר יאָר זענען—איינער נאָכן אַנדערן—געשטאָרבן אַ סך יידישע שרייבער; און ביים טויט פון יעדן פון זיי האָב איך געפילט מער די טראַגעדיע פון זיין לעבן, ווי די טראַגעדיע פון זיין טויט.

נאָך מער: די טראַגעדיע פון יעדן יידישן שרייבערס לעבן איז נישט בלויז זיינע אַן אינדיווידועלע, נאָר די טראַגעדיע פון אַ דור, די טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן לעבן.

און עס איז נאָר טיילווייז ריכטיק, אַז אָט די טראַגעדיע פון אַ גאַנצער ליטעראַטור איז דער רעזולטאַט בלויז פון גזירת היטלער, — אָט די טראַגעדיע האָט שוין געגרייפט פאַר דעם אין רעזולטאַט פון דער אינערלעכער קאַטאַסטראָפע פון יידישן לעבן, פונם אינערלעכן פאַנאַנדערפאַל, וואָס האָט געהאַט אַ סך אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות. די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען איר לעבן דעם איבערברוך, דעם מאָדערנעם קריזיס אין דאָזיקן לעבן; אָבער דעם זעלבן איבערברוך האָט זי צו „פאַרדאַנקען“ אויך איר טראַגעדיע: כמעט גלייכצייטיק מיטן פּעריאָד פון איר פאַנאַנדערבלי (מיטן פאַנאַנדערבלי פון יידישן רענעסאַנס בכלל), האָט זיך אויך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון גרויסן פאַנאַנדערפאַל.

לאָמיר נעמען אַ צוויי ביישפּילן טאַקע פון צוויי נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענע שרייבער: באַריישאַ און סעגאַלאָוויטש.

באַריישאַס „זאַמל רימער“ (אגב, איינס פון די גרויסע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור; אַ ווערק וואָס האָט געעפנט אין איר אַ נײַ קאַפּיטל) האָבן נאָך געלייענט צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע און דאָס ווערק האָט געווירקט אין אונזער לעבן און אויפן לעבן; אָבער זיין „גייער“, וואָס געוויסע טיילן פון אים זענען באַשטראַלט מיט אוניווערסאַלער גרויסקייט, איז שוין צו קיין סך נישט דערגאַנגען. און נישט נאָר אין חורבן אייראָפּע, נאָר אויך אין בליענדן אַמעריקע איז ער דערגאַנגען ווייניק צו דער יידישער יוגנט, ווייל אין משך פון די 20 יאָר, וואָס ליגן צווישן ביידע ווערק, איז די לעבעדיקע אַמעריקאַנער יידישע יוגנט אָפּגעשטאָרבן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

און אָט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביי באַריישאַס ערשטע דיכטערישע טריט און דער דיכטער גופא האָט אין איינעם פון זיינע פריע לידער פאַראויסגעשפּירט זיין—און זיין דור'ס—שפּעטערדיקע טראַגעדיע.

אין זיין ליד וועגן אַ פּוילישן וואַלד („אין אַ פּוילישן וואַלד“, מיט אָן אַ שיעור יידישע באַזוכער, איז ער גרייט אָפּצוגעבן איך ווייסט נישט וואָס פאַר איין יידיש וואָרט, וואָס זיין פעלן שרעקט אים אַזוי (און טאַקע נישט אומזיסט, ווי מיר ווייסן היינט).

די זעלבע טראַגעדיע )וואָס באַשטייט נישט אַזוי אין פריען טויט, ווי אינם

ז. איך גלויב
אַז אַלע גזרות
קומען פון מענטשן ברירות,
ביי וועלכע דער „חיים" און „מות"
ווערט באַהאַנדלט אין קאַטאָוועס.

ח. איך גלויב
אַז גאָט שרייבט ניט און מעקט ניט,
און די הימלען פאַרפלעקט ניט
מיט כתיבות און חתימות
פאַר אַלע זיינע אומות.

ט. איך גלויב
אַז ס'איז ניטאָ אַ משיח,
אַ גאָט'ס געזאַלבטער שליח,
וואָס וועט די מענטשהייט דערלייזן
פון זייער ווילן דעם בייזן.

י. איך גלויב
אַז יעדער מענטש אין זיך
ענטהאַלט אַ משיח
וואָס קען די גאולה דערפילן,
ווען ער זאָל נאָר וועלן.

יא. איך גלויב
אַז דער גן־עדן און גיהנום
איז נאָר אויסגעטראַכט פאַר יענעם
וואָסליידט ביים לעבן הונגער, נויט,
אום צו טרייסטן מיט נאָכן טויט.

יב. איך גלויב
אַז גאָט האָט נאָר איין וועלט געגעבן
פאַרן מענטשן ד אָ צו לעבן.
און ווען דער טויט אים ענדיקט דאָ,
איז קיין אַנדער וועלט פאַר אים ניטאָ.

יג. איך גלויב
אַז יעדער מענטש מוז גלויבן
אין עפּעס גלויבן,
ווייל אָן אַ גלויבן
איז ניט ווערט צו לעבן.



י. ראַפּאַפּאָרט

## לעא פינקלשטיין—איינער פון א דור

די לעצטע פאַר יאָר זענען—איינער נאָכן אַנדערן—געשטאָרבן אַ סך יידישע שרייבער; און ביים טויט פון יעדן פון זיי האָב איך געפילט מער די טראַגעדיע פון זיין לעבן, ווי די טראַגעדיע פון זיין טויט.

נאָך מער: די טראַגעדיע פון יעדן יידישן שרייבערס לעבן איז נישט בלויז זיינע אַן אינדיווידועלע, נאָר די טראַגעדיע פון אַ דור, די טראַגעדיע פון דער יידישער ליטעראַטור, פון יידישן לעבן.

און עס איז נאָר טיילוויז ריכטיק, אַז אָט די טראַגעדיע פון אַ גאַנצער ליטעראַטור איז דער רעזולטאַט בלויז פון גזירת היטלער. — אָט די טראַגעדיע האָט שוין געגריפט פאַר דעם אין רעזולטאַט פון דער אינערלעכער קאַטאַסטראָפע פון יידישן לעבן, פונם אינערלעכן פאַנאַנדערפאַל, וואָס האָט געהאַט אַ סך אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות. די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען איר לעבן דעם איבערברוך, דעם מאָדערנעם קריזיס אין דאַזיקן לעבן; אָבער דעם זעלבן איבערברוך האָט זי צו „פאַרדאַנקען" אויך איר טראַגעדיע: כמעט גלייכצייטיק מיטן פעריאָד פון איר פאַנאַנדערבלי (מיטן פאַנאַנדערבלי פון יידישן רענעסאַנס בכלל), האָט זיך אויך אָנגעהויבן די עפּאָכע פון גרויסן פאַנאַנדערפאַל.

לאָמיר נעמען אַ צוויי ביישפּילן טאָקע פון צוויי נישט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענע שרייבער: באַריישאַ און סעגאַלאָוויטש.

באַריישאַס „זאַוול רימער" (אגב, איינס פון די גרויסע ווערק אין דער יידישער ליטעראַטור; אַ ווערק וואָס האָט געעפנט אין איר אַ ניי קאַפּיטל) האָבן נאָך געלייענט צענדליקער טויזנטער יוגנטלעכע און דאָס ווערק האָט געווירקט אין אונזער לעבן און אויפן לעבן; אָבער זיין „גייער", וואָס געוויסע טיילן פון אים זענען באַשטראַלט מיט אוניווערסאַלער גרויסקייט, איז שוין צו קיין סך נישט דערגאַנגען. און נישט נאָר אין חורבן אייראָפּע, נאָר אויך אין בליענדן אַמעריקע איז ער דערגאַנגען ווייניק צו דער יידישער יוגנט, ווייל אין משך פון די 20 יאָר, וואָס ליגן צווישן ביידע ווערק, איז די לעבעדיקע אַמעריקאַנער יידישע יוגנט אָפּגעשטאָרבן פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

און אָט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביי באַריישאַס ערשטע דיכטערישע טריט און דער דיכטער גופא האָט אין איינעם פון זיינע פריע לידער פאַראויסגעשפּירט זיין—און זיין דור'ס—שפּעטערדיקע טראַגעדיע.

אין זיין ליד וועגן אַ פּוילישן וואַלד („אין אַ פּוילישן וואַלד". מיט אָן אַ שיעור יידישע באַזוכער, איז ער גרייט אָפּצוגעבן איך ווייסט נישט וואָס פאַר איין יידיש וואָרט, וואָס זיין פעלן שרעקט אים אַזוי (און טאָקע נישט אומזיסט, ווי מיר ווייסן היינט).

די זעלבע טראַגעדיע )וואָס באַשטייט נישט אַזוי אין פריען טויט, ווי אינם

געפיל פון אָפּשטאַרבן — גייסטיק — ביים לעבן) האָט אויך איבערגעלעבט סעגאַלאָוויטש (און זייער גאַנצער דור שרייבער).

סעגאַלאָוויטשעס „רייזעלע דעם שוחטס" און „קאַזשמיעזש" האָבן געלייענט און דעקלאַמירט (פאַרן אייגענעם געברויך!) צענער טויזנטער, און געווירקט אין לעבן און באַווירקט דאָס לעבן; זיינע חורבן־פּאָעמעס אָבער, — דאָס רייפסטע וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין פּערזן, — זענען שוין צו קיין ברייטע מאַסן נישט דערגאַנגען. און ווידעראַמאָל נישט נאָר דערפאַר, ווייל די דאָזיקע פּאָעמעס באַזינגען־באַוויינען די פאַרברענטע מיליאָנען, — אויך צו די לעבן געבליבענע איז עס נישט דערגאַנגען אין אַזאַ פאַרנעם, ווי זיי האָבן דאָס פאַרדינט פון אַלע שטאַנדפּונקטן . . .

שוין אין „קאַזשמיעזש", וואָס איז נאָך יאָ דערגאַנגען צו די מאַסן, קלאָגט זיך סעגאַלאָוויטש אויף דער אַסימילאַציע, פאַרוואָס די העלדין הייסט מיט אַ גויאישן נאָמען, וואַנדאַ.

„איר נאָמען איז וואַנדאַ . . . אַ פּוילישער נאָמען,
„נאָר זי איז אַ חסידס אַ טאָכטער, מיין גאָט".

ער אונטערשטרייכט כסדר אין דער שיינער פּאָעמע, אַז וואַנדאַ האָט קיין שום אינטערעס נישט פאַר יידישקייט.

„זי איז שוין געווען אין אַלע דריי קלויסטערס,
„געוועזן, זיך געפרייט, מיט באַגייסטערונג פול;
„דאָך האָט זי זיך מאָדנע פאַרקרומט און צעביזערט,
„ווען איך האָב איר ווייזן געוואָלט אונזער שול" . . .

און סעגאַלאָוויטש דריקט אויס אָט דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט פון דער פּאָעמע אין צוויי ווייטאָקדיקע שורות:

„כ'האָב דאַמאָלט דערפילט טיף דעם ווייטיק פון פרעמדקייט,
„געפילט, אַז מיר זענען צעטיילט דורך אַ תהום . . ."

די זעלבע שרייבער — און טאַקע אַלע — האָבן דורכגעלעבט אין איין דור אי די תקופה פון גרעסטע האָפענונגען, די תקופה פון פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און גלייך נאָך איר, אי די תקופה פון גרויסע אנשויאונגען, פון בייזע אַנונגען, פון גרויסן חורבן — די תקופה פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, די צווייטע וועלט־מלחמה גופא און דעם נאָכן חורבן.

ווי באַריישאַ זאָגט אינם „גייער":

„דו לעבסט אין אַ דור, און ברעכט זיך דער דור אין ליידן,
וועט אַלעמענס בראָך אויך דיך נישט מיידן".

און ער האָט קיין איינעם פון די יידישע שרייבער נישט געמיטן. זיי האָבן אַלע איבערגעלעבט דעם גרויסן שאָק פון אַ געוואַלטיקן קאָנטראַסט.

* * *



און דער קאָנטראַסט איז טאַקע באמת אומגעהויער.

איך ספק צי וועלכע עס איז ליטעראַטור אין דער וועלט האָט ווען דורכגעמאַכט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט אי אַזאַ ביישפּיללאָזע עליה, אי אַזאַ ביישפּיללאָזע ירידה.

די יידישע ליטעראַטור האָט גלייך נאָך דער וועלט־מלחמה נומער איינס גענומען אַרויסשלאָגן זיך אויפן שליאַך פון אוניווערסאַלן שאַפן. נאָך דעם פּעריאָד פון די קלאַסיקער, ווען דאָס טיפּיש־יידישע, דער עיקר, האָט באַקומען אַזאַ גלענצנדיקן אויסדרוק (דורכלאָזנדיק אַמאָל אויך דאָס אוניווערסאַל־מענטשלעכע דורך דאָס טיפּיש־יידישע), האָט די ליטעראַטור געמאַכט אַ שריט ווייטער, — זי האָט גענומען געבן אוניווערסאַלע געשטאַלטן, הגם זיי זענען דורך דעם נישט געוואָרן ווייניקער יידישלעך. אוניווערסאַל־יידישלעך. טביהס אוניווערסאַליסטישע שטריכן איז פאַר נישט קיין יידן שווער אויפצוכאַפּן, — ווייל מען מוז צו זיי דערגיין דורך אַ אינטימער קענטעניש פון דאָס טיפּיש־יידישע, אָבער די געשטאַלט פון זאַוול רימער רעדט צו יעדן מענטשן מיט אַ קלאָרער שפּראַך, הגם ער און זיין סביבה זעלען גלייכצייטיק טיף־יידיש.

ווי טיף עס איז די יחידיש־אוניווערסאַלע געשטאַלט פון זאַוול רימער! ווי טיף־אַלמענטשלעך עס איז די קאָלעקטיוו־יידישע געשטאַלט פון נח דעם גייער! ווי געוואַלטיק עס איז די סימבאָלישע געשטאַלט פונם לייוויקישן גולם!

די יידישע ליטעראַטור האָט דערפילט ווי עס וואַקסן איר אויס נייע פליגלען פאַרמעסטונגען; אָבער פּלוצלינג, כמעט גלייכצייטיק, האָט זי דערפילט אַז זי האָט נישט פון וואַנען צו שעפּן די נויטיקע זאַפטן, וואָס דאַרפן באַוועגן אָט־די פליגלען.

אָדער אפשר נעמען אַן אַנדער בילד (וואָס וועט בעסער, בולטער איבערגעבן דאָס געפיל און די פּאַקטישע לאַגע פון דאָזיקן טראַגישן דור): דער בוים פון דער ליטעראַטור האָט גענומען פאַנאַנדערשפּרייטן זיינע צווייגן; זיין קרוין האָט זיך באַבלעטערט און שווער געוואָרן מיט שפע און ווילן צו פאַרשפּרייטן זיין שאָטן וואָס ווייטער און וואָס העכער, — און מיט אַמאָל האָט דער בוים אַ ציטער געטאָן: ער האָט דערפילט ווי די וואָרצלען נעמען דאַרן פון מאַנגל אין חיונה, — די קרוין האָט דערפילט אַז זי הענגט אין דער לופטן, זי שפּאַרט זיך נישט אָן אויף אַ פעסט־פאַרוואָרצלטן שטאַם.

די יידישע ליטעראַטור האָט געשלאָגן אַ רעקאָרד פון פאַנאַנדערוווקס, — אָבער אויך אַ רעקאָרד פון פאַנאַנדערפאַל.

אין איינע זעכציק יאָר פאַנאַנדערוויקלען אַזאַ בלעטער־קרוין! און לאָזן אַזוי פאַרטריקענען די וואָרצלען!

ניין, ביי אַזאַ טראַגישן שרייבער־דור איז נישט דער טויט פון אַ שרייבער זיין עכטסטע טראַגעדיע, נאָר דאָס געפיל, ווי אויבן געזאָגט, פון אָפּשטאַרבן ביים לעבן (און נישט צוליב זיין שולד, נאָר צוליב מאַנגל אין באָדן, אין קאָלעקטיווע וואָרצלען). דער טויט פון אַ שרייבער אונטערשטרייכט בלויז די טראַגעדיע פון זיין לעבן, ווען ביים שרייבער לאָזן זיך אָפּ אַראָפּ די הענט

אינמיטן שאַפן, ווען דעם שרייבערס קאָפּ זינקט אַראָפּ אין שטומער פאַרצווייפלונג אויף אַ געענדיקט ווערק, ווייל זיין אינספּיראַציע און זיין פאַרענדיקט ווערק ווערן געליימט און פאַרדעקט דורך דעם אימהדיקן וואַלקן פון דעם פראַגע: פאַר וועמען?!

צי דער שרייבער איז גרויס, צי דער שרייבער איז קליין, — אָט די יחידיש־קאָלעקטיווע טראַגעדיע מיידט אים נישט אויס, אויב ער איז אַן עכטער שרייבער, וואָס נעמט איבער ירושה און וויל (ווייל ער מוז פּסיכיש!) לאָזן ירושה.

דאָס זעלבע איז מיטן פאַרשטאַרבענעם לעאָ פינקלשטיין: אויך זיין טויט שטעלט אונז אַוועק אינמיטן פון זיין לעבנס־טראַגעדיע, ד.ה. אינמיטן פון דער טראַגעדיע פון אַ דור, פון וועלכן ער איז געווען אַ פאַרשטייער.

וואָרים וואָס האָט דען יעדער יידישער שרייבער געוואָלט מיט זיין שאַפן? דאָך נאָר פאַרבייטן דעם ספר, וואָס האָט געפונען און געשאַפן אויף ווייטער, פאַר אַנדערע יורשים, אַ לעבנס־ און קולטור־סביבה.

און דאָס יידישע בוך, וואָס האָט דורך ליזויקן, באַריישאַן און ענלעכע געגומען ווערן אַ מאָדערנער ספר, האָט טאַקע גענומען שאַפן אַ סביבה, פאַרבייטנדיק אַזוי אַרום ירושהדיק־המשכדיק דעם אָפּטרעטנדיקן יידישן ספר.

אָבער מיט אַמאָל, גראַד ווען די יידישע ליטעראַטור איז שוין שטאַרק אויסגעוואַקסן און גענומען ווערן רייף־ספרדיק, האָט זי דערזען, אַז די סביבה איז מיט איר נישט מיטגעוואַקסן, אַז זי האָט זי נישט באַוויזן צו שאַפן.

און וואָס מער זי איז געוואַקסן, אַלץ מער איז זי געוואָרן איינזאַם.

און גוואַלדאַוונע האָט זי דערשפּירט די איינזאַמקייט און די וואַרצלאָזיקייט בעתן חורבן און נאָך אים.

די שרייבער, וועלכע האָבן דערלעבט דעם חורבן און אים איבערגעלעבט, זענען די טראַגישסטע פון אונזער טראַגישן שרייבער־דור.

• • •

לעאָ פינקלשטיין איז אַריינגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור אין די מיטן צוואַנציקער יאָרן פון 20־טן יאָרהונדערט, אין רעכטן מיטן פון דער האַסע פון די גרויסע האָפענונגען.

ווי מיר האָבן געוויזן אויבן, האָט מען שוין דאַן געקאָנט הערן פון פאַרשיידענע זייטן קרעכצן און ספקות; אָבער אָט די דיסאָנאַנסן צו די האָפענונגען האָבן נאָך דאַן די האָפנונגס־מוזיק נישט קאַליע געמאַכט.

לעאָ פינקלשטיין איז טיף געווען פאַרבונדן מיטן פוילישן יידנטום און זיין קולטור, אָבער גלייכצייטיק אויך מיט דער פוילישער און אייראָפּיאישער ליטעראַטור. און איינס דעם צווייטן האָט נישט נאָר נישט געשטערט, נאָר אדרבא — זיך קעגנזייטיק דערגאַנצט.

עס איז דאַן געווען אַ צייט, ווען די יידישע יוגנט אין פוילן איז געווען ווי



אַ פרישער שוואַם: זי האָט אַלץ איינגעזויגן מיט אַ געוואַלדיקן אַפּעטיט: מען האָט פאַר איר וועגן אַלץ געקאָנט שרייבן און ריידן.

ביכער וואָלט מען געווען באַדאַרפט שרייבן וועגן אָט יענער יוגנט פון דער יידישער אָרימקייט, מיט די אָפענע אויגן, מיט די אָפענע הערצער און די אָפענע אויערן פאַר אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום יידישן לעבן, צו מענטשלעכקייט און דער מענטשהייט. און פינקלשטיין האָט געשריבן וועגן אַלץ, וואָס האָט אים אינטערעסירט און וואָס האָט אויך אינטערעסירט די דאַמאָלטיקע פויליש־יידישע יוגנט: וועגן פוילישע און אייראָפּעאישע ליטעראַטור, וועגן פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, וועגן יידישער ליטעראַטור פון בּרייטן יידיש־היסטאָרישן און אַלמענטשלעכן קוקווינקל.

אָבער שנעל זענען אַוועק די 20־ער יאָרן, און עס זענען געקומען די 30ער, מיט זייער קריזיס פון דרויסן און פון אינעווייניק. דאָס יידישע לעבן נעמט זיך פאַרציען מיט אַ שוואַרצן וואָלקן פון שטייגנדן פאַשיזם און שטייגענדער אַסימילאַציע. דער שווידערלעכער מאַטעריעלער קריזיס ביי די ברייטסטע טיילן פון די יידישע מאַסן — באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך )וואָס זענען געלעגן הילפלאָז און פאַרחלשט אין אַ פינצטערן ים) — האָט זיך געכפּלט אויף אַ אַנוואַקסנדיקן גייסטיקן קריזיס, וואָס האָט טיילווייז געשטאַמט פונם עקאָנאָמישן קריזיס, אָבער טאַקע נאָר טיילווייז: אַ חלק אינם גייסטיקן קריזיס האָט געהאַט די שטייגנדע אַסימילאַציע־כוואַליע און איר באַגלייט־דערשיינונג — אָפּטויטונג פונם גייסט בכלל.

אויפן לשון פון שרייבער האָט דער דאָזיקער קריזיס געהייסן: באַנקראָט פון יידישן פאַרלאַג־וועזן, ליימונג פון שרייבערס אימפּולס צו שאַפן.

איך האַלט אַז אָט די ליימונג פון שרייבערס שעפערישקייט און טעטיקייט האָט אַ דירעקטע שייכות צו דער דערשיינונג, וואָס אַזוי פיל יידישע שרייבער — נישט קיין קאָמוניסטן — זענען פאַרבליבן, בעת דער היטלער־אינוואַזיע אויף פוילן, אין די געביטן, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען: זיי זענען געבליבן צוליב דעם, ווייל זיי האָבן געזוכט אַ תיקון פאַר זייער שעפערישן דראַנג. עס האָט זיי פאַרבלענדט דער ליידנשאַפטלעכער פאַרלאַנג צוצורייסן זיך צו אַ וואַרשטאַט פון גייסט, צו אַ באָדן פאַר גייסטיקער אַרבעט. און היות ווי יעדער איינער גלייבט אין דעם וואָס עס ווילט זיך אים, האָט זיך זיי געוואָלט גלייבן אין דער סאָוויעטישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז ביי זיי האָט יעדע קולטור אַ מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען; פריי צו אַרבעטן און שאַפן. פאַרצווייפלט פון דעם, וואָס דער באָדן האָט זיך כסדר גענומען אַוועקרוקן פון אונטער זייערע האָפענונגען, איז נח פּרילוצקי פאַרבליבן אין סאָוויעטישן ווילנע צוליב אַן אילוזיע פון אַ שעפערישן פּראָפעסאָר. און אויך פינקלשטיין איז פאַרבליבן אין סאָוויעטישן ביאַליסטאָק צוליב אַ כימערע פון אַ אַקאַדעמישער קאַריערע אין יידישן מינסק, וואָס האָט שוין פון לאַנג געהאַט געשלאָסן אַלע יידישע שולעס, און וואָס האָט שוין געהאַט „ליקווידירט“ משה קולבאַקן, איזי כאַריקן און אַנדערע.

איך גלויב נישט אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע דער גראָב־מאַטעריאַליסטישער געיעג נאָך קאַריערע (משטיינס געזאָגט!); דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע דער נאַאיוו־פאַרבלענדעטער אַנטלויפן פון אַ אויסגעוואָרצלטן באָדן אויף אַ — פאַררעטערישן וואַסער־אויבערפלאַך, אַ פאַרצויגענעם מיט גרינעם שימל, וואָס האָט אינגאַנצן נישט קיין אָרט פאַר וואָרצלען...

פינקלשטיין האָט זיך שנעל — אָבער דאָך שוין צו שפּעט — אויסגעניכטערט פון זיין נאַאיווקייט, און איז זעעוודיק געוואָרן פון זיין בלינדקייט. און דאָך קערט ער זיך אום פון רוסלאַנד קיין פוילן מיטן באַשלוס דאָרט צו פאַרבלייבן אונטערן שאָטן פון סאָוויעטיזם. אויפן דאָזיקן באַשלוס האָט געווירקט זיין תמידע צוגעבונדנקייט צום פוילישן יידנטום (געשטאַרקט דורך שטודירן אין גרויס ליבע פרצן), און באַזונדערס דער חורבן פון געליבטן און פאַרערטן פוילישן יידנטום: עס האָט זיך אים געוואָלט נישט נאָר זיין נאָענט צום אַש זייערן, נאָר עס האָט אים אויך געלאָקט די האָפנונג (ווידער די נאַאיווע־פאַרבלענדיקע ליבע!), אַז עס וועט אים געלינגען צו זיין איינער פון די, וועלכע וועלן צוריק פאַנאַדערפאָכן אינם אַש פון פוילישן יידנטום. אויב נישט דאָס אַמאָליקע פייער, איז כאָטש לכל הפחות אַ פייערל...

זיין אַמאָליקע ליבע צום פוילישן יידנטום פלאַמט אויף הונדערטפאַך אין אַנבליק פון זיין טראַגישן גורל, אין געפיל פון שולד (וואָס אַלע געראַטעוועטע דורך אַנטלויפן פילן און וועלן אייביק פילן, נישט געקוקט אויף אַלע חסורים פון דעם שכל הישר); אָבער דאָס איז נישט נאָר אַ ליבע פון גרעניצלאָזן רחמנות און שולד־געפיל, — דאָס איז אויך אַ ליבע פון טיפער גייסטיקער פאַרערונג.

אַט די ליבע פון פאַרערונג צום גייסט און צו דער גייסטיקייט פון פוילישן יידנטום קומט צום אויסדרוק אין לעאָ פינקלשטיינס בעסטן און ווערטפולסטן בוך אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען צענויפגענומען אין זיין „מגילת פוילן", ווו עס רעדט זיך וועגן פוילישער יידישקייט בכלל און וועגן פוילישן גאַנג אין חסידות בפרט, וועגן דער גייסטיקער געשיכטע פון יידן אין פוילן (דורך איינצל־קאַפּיטלען וועגן דער אשת חיל און וועגן יידישע אַרענדאַרן אין פוילן).

אמת, אָפּטמאָל מאַכן די אָפּהאַנדלונגען אַן איינדרוק פון עסקיזן צו אַ כוללדיקער אַרבעט (און פון דעם נעמט זיך וואָס די פּרטים — הגם זייער אינטערעסאַנטע — נעמען אויבערהאַנט איבער דעם, צו וואָס זיי דאַרפן זיין בלויז אילוסטראַציעס; למשל: וועגן דעם נוסח פון פוילישן חסידות); אָבער אין די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען איז דאָך דאָ אַ סך מער ווי אינטערעסאַנטע פּרטים: עס איז דאָ אין זיי אַפּאָטעאָז פון דער איינציקאַרטיקער דערשיינונג אין דער וועלט, דער קולטור פון מזרח־אייראָפּעאישן יידישן קבוץ פון פוילן און ליטע: אַ פאָלק האָט עגדינט און פאַרערט דאָס גייסטיקע אין אַ מאָס, וואָס איז ביז אים ניט געווען באַקאַנט אין דער געשיכטע. „מגילות פוילן" איז ניט נאָר ליבע צו אַט דעם קולטור, נישט נאָר פאַרשטענדעניש פאַר איר אייגנאַרטיקייט, נאָר טאַקע אַן אַפּאָטעאָז פאַר איר, וואָס מיינט נישט נאָר געבן געשיכטע־באַשריי־



בונג, נאָר אויך — אַ מוסטער פאַר דער צוקונפט. ער ווייזט אַרויס אין דאָזיקן בוך נישט נאָר בקיאות, אַ גרויסע זאַמל־ און אָפּקלייב פעאיקייט, אַ חוש פאַר כוללדיק־ געשיכטלעכעס אינם פאָלקלאָריסטישן פּרט, — נאָר ער ריזלט עס דורך נאָך מיט עפּעס מער ווערטפולעס: מיט פאַרערונג צו דער ירושה און מיט ווילן זי איבערצונעמען און ווייטער געבן. עס קאָן קיין שום ספק נישט זיין פאַר יעדן אויפמערקזאַמען לייענער פון דאָזיקן בוך, אַז עס איז מער ווי געשיכטע און אַפילו מער ווי פאַרערונג: ער זוכט און וויל געבן אין דער געשיכטע אַן אָנשפּאַר פאַרן פאָלק אין אונזער שווידערלעכער איבערגאַנגס צייט.

דאָס געפינט זיך אין די צוויי בעסטע עסייען אין בוך, אין „תנא ר' עקיבא און נאָך פאַר דער מלחמה האָט לעאָ פינקלשטיין גענומען ווערן יידישלעכער אין די פאָרמען און סימבאָלן פון זיינע אַרבעטן (און אויך אין דעם איז ער איינער פון אַ דור, ווייל ביי גאָר־גאָר אַ סך שרייבער וועט איר געפינען אַט די דערשיינונג, אויף וועלכער איך האָב זיך שוין נישט איינמאָל אָפּגעשטעלט גענויער אין אַרבעטן וועגן אַנדערע שרייבער, צווישן זיי וועגן י. גלאַטשטיינען), אָבער איצט, נאָך דער מלחמה, אונטערן דרוק פון ליבע, בענקשאַפט און פאַרערונג צום פוילישן יידנטום און זיין קולטור, ווערן די דאָזיקע אייגנשאַפטן נאָך בולטער און שאַרפער.

די שפּראַך זיינע ווערט אָנגעזאָפּט נישט נאָר מיט העברעאיזמען, נאָר מיט ספּעציפישע העברעאיזמען פון לערנער — מיט „מורי ורבותי" הייבט ער אָן זיינע רעדעס אַפילו אין „פאָלקסדעמאָקראַטישן" פוילן; מען פילט אין דער דאָזיקער אויסערלעכער פאָרם, — נישט ווייניקער ווי אינם אינהאַלט, — אַ פּאָזיטיווערע באַציאונג צום אַלטן נוסח, ווי צום אַלטן אינהאַלט. פינקלשטיין, ווי אַ סך אַנדערע שרייבער, האָט דערפילט ווי ער ווערט אויסגעריסן, און ער האָט זיך ווי אינסטינקטיוו אָנגעכאַפּט אין די אַלטע וואָרצלען, כדי נישט צו ווערן אינגאַנצן וואָרצללאָז.

ער וויל טאָן דאָס זעלבע, וואָס ר' עקיבא טוט אין זיין, פינקלשטיינס, פּרעכטיקן, אויבנדערמאַנטן עסיי.

אויף זייטן 300־301 פון „מגילת פוילן" (אין זיין עסיי „תנא ר' עקיבא אין אונזער צייט") געפינען מיר דעם תמצות פון פינקלשטיינס זוכן אַן ענטפער פאַר אונזער צייט (פאַר זיך און פאַר אונז) ביי ר' עקיבאַ'ן.

„פאַר אונז „היינטיקע", — זאָגט פינקלשטיין, — האָט אָבער אַ באַזונדערן רייץ ר' עקיבאַ'ס אַלגעמיין־סינטעטישער אויסבליק. אונזער פּאָליטיש־אידייאישע צעריסנקייט איז שוין דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פונקט; פאַר אַלעם שטאַמט זי פון איינגעשפּאַרטער איינזייטיקייט, וואָס צעטרענצלט אונזערע אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטע כחות. אָבער דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דעם גענוג קאָמפּראָמיטירטן „אחדות". דאָ איז בעיקר אַן אָפּאָזיציע קעגן דער בלינדער איינזייטיקייט וואָס באַגנוגנט זיך בלויז מיט שפּליטערן פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק און נעמט נישט אין אַכט אַלע גרונט עלעמענטן פון אונזער גייסטיקן און מאַטעריעלן קיום. אונז אימפּאַנירט דער פאַקט, וואָס ר' עקיבא

איז נישט בלינד צוגעבונדן צו אַ פאַרגליווערטער דאָגמע; וואָס ער האָט אין זיך גענוג מוט צו מאַכן אַ פּויזע פון צווײ „אויגנשרײַענדיקע" סתירות; וואָס ער איז מסוגל אַריבערצושפּרײַזן די „הייליקע" אײנזײַטיקייט, בכדי אויפצונעמען דאָס גאַנצע, דאָס אַלץ־אַרומנעמענדיקע, דאָס אַלגעמײן־לעבעדיקע.

באַזונדערס פאַסצינירט אונז ר׳ עקיבאַ׳ס אומגעווײנלעכער אָפּטימיזם, וואָס דרינגט אַרויס פון זײַן שטאַרקן גלויבן, אַז דאָס גוטע און גערעכטע מוז סוף כל סוף מנצח זײַן.

„אין מאָמענט פון האָפענונגסלאָזער השכות, ווען אַלץ ווײַזט אויס צו זײַן רײַף פאַרן אונטערגאַנג, האָט ער נישט פאַרלוירן די אמונה, נאָר כסדר געוועקט בײַ דערפאַרחלשטער סביבה מוט און אויסדויער. ער איז געווען איבערצײַגט, אַז די פינסטערניש וועט שליסלעך פאַרשווינדן און עס וועט אויפשטײַגן דאָס ליכט פון פרײַהייט. ווו נעמט מען הײַנט אַ מאַן מיט אומגעבראָכענעם גלויבן אין אונזער צוקונפט!"

פינקלשטײַנס דאָזיקע בענקשאַפט, וואָס מאַכט אים טײַער ר׳ עקיבאַ׳ן, מאַכט אונז טײַער פינקלשטײַנען.

ר׳ עקיבאַ׳ס געשטאַלט אַפּעלירט בכלל צו אונזער הײַנט: זײַן קאַמף איז אַ רוף צו אונזערע קאַמפן; זײַן אומקום אויף קדוש השם איז אונז נאָך נענטער געוואָרן ווי אין דער קינדהייט, ווײַל מיר האָבן דאָך אַן אַ שיעור אַזעלכע מאַרטירער־טויטן געזען מיט די אײגענע אויגן; ער איז אונז נאָענט אויך מיט דעם, וואָס ר׳ עקיבאַ האָט פאַרבונדן פיזישן קאַמף מיט גײַסטיקע אידעאַלן. ר׳ עקיבאַ׳ס אינטעלעקטועלע גרויסקייט און זײַן טאַט־גרויסקייט אַפּעלירן צו אונז ווי אַן אײנהייט, נאָך וועלכער מיר בענקן. זײַן צוגעבונדנקייט צום הימל און זײַן קעמפן אויף און פאַר דער ערד זײַנען פאַר אונז אַ לײַכטנדער בײַשפּיל.

און אויך פינקלשטײַנען האָט דאָס אַלץ צוגעצויגן אין ר׳ עקיבאַ׳ן, אָבער אויך זײַן שטײן איבער דער „פאַליטיש־פאַרטײַאישער צעריסנקייט".

אויך אין „מײַנץ און וואַרשע", אין דאָזיקן פײַנעם עסיי, זוכט פינקלשטײַן אַ היסטאָרישע טרײסט: אויב נאָך מײַנץ, וואָס איר גורל איז אַזוי ענלעך געווען צו וואַרשעס, איז געקומען אַ ווידערגעבורט, איז געקומען אַ וואַרשע, קאָן מען האָפן, אַז נאָך וואַרשע וועט קומען אַן אַנדער צענטער, אַ המשך.

די עשרה הרוגי מלכות זענען פאַרבונדן מיט מײַנצער קדושים; די מײַנצער קדושים — מיט די וואַרשעווער; און די וואַרשעווער קדושים זאָלן שוין זײַן אַן אַ ווײַטערן רינג?

לעאָ פינקלשטײַן האָט געגלויבט אין אַ המשך. אויף ז. 332 זאָגט ער:

„איך נעם זיך נישט אונטער עמיצן „לאָגיש" אויפצוקלערן וווהין דער ווײַטערדיקער וועג פירט, נאָר איך פיל בחוש, אַז ער מוז פירן צו ווידערגעבורט. איך ווײס נישט פונוואַנען מיר וועלן שעפּן אונזערע ווײַטערדיקע לעבנסזאַפטן, איך בין אָבער אינערלעך איבערצײַגט אין וויטאַלן כח פון אונזער שטאַם. איך קאָן קײנעם נישט אָנווײַזן די ישועות, וואָס זאָלן אונז דערוואַרטן אין די גאַנצע חדשים. איך בין אָבער פול מיט גלויבן אין ליכט פון קומענדיקן



טאָג. דער דאָזיקער גלויבן האָט אונז קײנמאָל נישט פאַרלאָזן, זאָל ער אונז אויך אין די הײַנטיקע שווערע טעג וואַרעמען און קרעפטיקן".

פונוואַנען פינקלשטײַן האָט געשעפּט אָט דעם גלויבן, זאָגט ער אונז אויס אַלײן, אויף די זײַטן 5־304 • פון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס איז אין לאַנגן היסטאָרישן אָטעם" אײנע און די זעלבע תמיד, און די דאָזיקע געשיכטע האָט ער ייִנגלווײַז איבערגעלאָזט בײַ „ונתנה תוקף".

אמת: „זײַט יענע ייִנגל־טעג זענען שוין אָפּגעלאָפן אַ סך וואַסערן, די פאַרביק־מאַרטירערישע „פאַסיאָנאַל־לעגענדע (פון אמנון און מײַנץ און ונתנה תוקף, י. ר.) האָט זיך וואָס אַמאָל מער אָפּגערוקט אין הינטערגרונט. אויף איר אָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט גאַנץ אַנדערע וועלט־שפּרונגען און לעבנסבאַשטרעבונגען... די נײַע שטײַגער־אומשטענדן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט שאַרפע געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן אונז געהאַלטן אין אײן דערווײַטערן פון דער אַמאַליקער ונתנה־תוקף־אַטמאָספער"... אָבער „זײ זענען אין אונז נישט אונטערגעגאַנגען אויף שטענדיק... ווײַל זײער תוך איז לאַנגער היסטאָרישער אָטעם, וואָס וויקלט זיך צווישן צווײ פּלאַנען: קידוש השם און דערלייזונג. זײ האָבן אין אונזער גײַסטיקן אײַנגעווײד פּאָטענציעל געדויערט עקשנותדיק ביז . . . עס איז געקומען דער שעת הכושר און זײ זענען בײַ אַנטשפּרעכנדיקע געשיכטלעכע באַדינגונגען ווידער אין אַ נײַעם גלגול אויפגעשווומען אויף דער פלאַך פון אונזער רײַפן באַוווסטזײַן".

ריכטיק: „פון אונזער רײַפן באַוווסטזײַן", — פונם באַוווסטזײַן נישט פון די יחידישע פינקלשטײַנס, נאָר אײנם באַוווסטזײַן פון אַ דור, וועמעס קאָלעקטיווע צונג זײ זענען.

דער אומגליק פון אונזער נאַציאָנאַלן „ונתנה תוקף" האָט אויך ווידער געבוירן אונזער נאַציאָנאַלן גלויבן.

* * *

פינקלשטײַן האָט זינט 1939 דורכגעמאַכט שווערע יאָרן אין זײַן קורצן לעבן: ער האָט געליטן אַלס מענטש און אַלס שרײַבער פון אַ ליטעראַטור וואָס קאָן זיך נישט אויסלעבן. אָבער אײן גרויסער גליק איז אים געשען צום סוף פון זײַן לעבן: ער האָט זיך רעכטצײַטיק אַרויסגעכאַפּט פון פּוילן, און אַזוי אַרום אויסגעמיטן אײנע פון די גרעסטע גײַסטיקע טראַגעדיעס, וואָס האָט דאָרט געלויערט אויף אים.

פינקלשטײַן האָט צוערשט געוואָלט פאַרבלײַבן אין פּוילן צוליב פּיעטעט צום אָנדענק פון פּוילישן ייִדנטום, צוליב קלאַמערן זיך אין פאַרצווײפלטן „אומלאָגישן" גלויבן. אָבער וואָס וואָלט ער געווען געטאָן אין דער צײַט, ווען „דאָס נײַע לעבן" (די שוין איצט אונטערגעגאַנגענע), וואָס ער איז געווען איר רעדאַקטאָר, האָט געמוזט נעמען שרײַבן באַגײַסטערטע אַרטיקלען פאַרי פּרעכטיק־אָפּגעבויטן מוראַנאָוו. ווי אַזוי מוראַנאָוו — ווו עס איז געווען דער אומשלאַג־פּלאַץ (אָט די צווײ ווערטער סימבאָליזירן דעם אומקום־פּוילן, און

דורות וועלן ציטערן בײַם קלאַנג פֿון די דאָזיקע צוויי ווערטער!) — בליט און ווערט פֿאַרשענערט?

ווי וואָלט ער געווען געקאָנט אויסהאַלטן אַט די פֿאַרשוועכונג, ער, וואָס האָט געשריבן אין זײַן עסיי „איבער די גאַסן פֿון מײַנץ און וואַרשע“:

„אַ צופֿעליק ניצול געוואָרענער פֿון מאַסן־אומקום, שפּאַן איך איצט איבער די חורבות פֿון די וואַרשעווער יידישע גאַסן... אפשר איז פֿון מײַן זײַט נישט גלײַך, וואָס איך באַטרעט דעם דאָזיקן שטח מיט שיך; איז דאָך יעדער שפּאַן ערד אַדורכגעזאַפּט מיט קדושים בלוט. דוכט זיך אַ שטים רופֿט פֿון אַן אויסגעלאָשענעם סנה: „צי אַראָפּ די שיך פֿון דײַנע פֿיס, ווײַל ס'אָרט אויף וועלכן דו שטייסט, איז הייליקע ערד...“ און אויף דער־אָ ערד בויט מען שײַנע קוואַרטאַלן, אין וועלכע עס וועלן וווינען נישט ווייניק פֿון די דירעקטע מערדער פֿון די קדושים, און אַ „יידישע“ צײַטונג קוועלט אָן, וואָס דער אומשלאַג־פּלאַץ ווערט פֿאַרפּוצט...

אַט דער גײַסטיקער שאָק האָט פֿינקלשטיין אויסגעמיטן, ער איז נאָך אַוועק רעכטצײַטיק, נאָך אײדער די קאָמוניסטישע וואַקכאַנאַליע אין פּוילן (אויך אויפֿן יידישן געביט) האָט זיך פֿונאַנדערגעשפּילט אין איר גאַנצן שווידער...

אַ גליקלעכער מאָמענט אין אַ אומגליקלעכער ביאָגראַפֿיע פֿון אײנעם פֿון אַ טראַגישן דור...

---

פֿאַניאַ הערש

## דער ווינט און איך

(פֿון ענגלישן פֿרײַע איבערדיטונג פֿון **ס. פּאַלמע** אַ מתּנה
דער דיכטערין צום דערשײַנען פֿון איר ערשטן בוך).

ס'איז אַ שטורם־ווינט מיט רוגזה אָנגעקומען,
אויפֿגעוואַכטע בלעטער האָבן רוישן גענומען
און געלאַדן האָט דער ווינט זיי פֿאַר זײַן כאָר,
ווי נשמות פֿאַרוווּנדעטע צו זינגען נאָר
און ווירוואַרדיק מיטן טיוּול אין ריידל צו טאַנצן,
ביז פֿאַרמאַטערטע אין גאַנצן
פֿאַלן אונטער בײַטש ווי אָפּגעשניטן מיט אַ שווערד,
אויסגעמישט ווי שטויב מיט שטויב און ערד מיט ערד...

פֿון בוים צו בוים האָט דער ווינט געיאָגט זיך,
פֿויגל־נעסטן געפֿאַנגען און מיט טויט געטראָגט זיך:



פֿון צעברויזטע אָקעאַנען צו קנאַספּ און בלום;
אונטער טריט צעטראָטן אַלץ און געצאַרנט: — קום אום!
זאָל ליכט אין די הימלען אויסגעלאָשן ווערן,
אַז ניט לײַכטן מער זאָל לבנה היינט, אָדער שטערן!
און וואָס פֿינסטערער זאָלן הימלען זיך פֿאַרהאַלטן
אַז מלאכימלעך זאָלן זיך שרעקן און אויסבאַהאַלטן! . . .

אין אַט דעם אַלעמען בין איך וואָך געווען
מיט אַ שווער געמיט און קאַלט ווי בלײַ און שטיין,
אײַנגעהערט זיך צום בראָזגען פֿון שויבן און קראַכן,
אויף מײַן געלעגער איז דער ווינט געקומען מיט אַ לאַכן
און מיט רשעות מיך געשלײדערט און געביסן,
און מיט צאָרן בונטן האָר פֿון מײַן קאָפּ אַרויסגעריסן,
דאָן אין לופֿטן מיך געוואָרפֿן און מיט פֿליגל געפֿלויגן
דורך וואָלקנס שוואַרצע, וואָס האָבן כּח אויסגעזויגן.
ס'איז קיין קרעפֿטן ניט געווען צו ראַנגלען זיך און ווערן,
האָב איך שוועבנדיק אין חלל צווישן שטערן,
מיטן ווינט זיך אומגעטראָגן אין געיעג,
ניט וויסנדיק וווהין־צו און אויף וועלכן וועג...

כ'האָב פֿאַרצווייפֿלט צו אָפּגרונטן לאַנג געשטאַרט,
צו אַן „עפּעס“ אין דער נידער וואָס האָט געוואָרנט און געוואַרט
מיט כוואַליעס פֿלאַמיקע צעשטיפֿטע אַרום,
מיט שלאַנגען־צונגען און מיט גליענדיקע אויגן אומעטום,
אַז הימל און ערד האָבן זיך געטוליעט פֿאַר שרעק;
כ'האָב דערפֿילט דעם גיהנום־אָטעם און צו אַלץ אַן עק;
און געראַנגלט זיך מיטן לעצטן ביסל זינען און געפֿיל; —
יאָ, — כ'האָב מײַן אויפֿליײז דערזען אין דעם שפּיל....

בײַ די ברעגן פֿון אַ תּהום איז עס אַלץ געשען,
כ'האָב אין אַלעמען מײַן קבֿר דערזען,
אָן האָפֿנונג צו נידערן אָדער שטײַגן אויף אַרויף
מיט דעם וואָס איך ליב אָן אַ סוף...

— — — — — — — — — — — —

צום אויפֿליײז אַנטשלאָסן האָב איך געוואַרט
אָן אויסגעמאַטערטע און אָפּגענאַרט; —
כ'האָב מער טראַכטן ניט געקאָנט און די אויגן צוגעמאַכט,
דאָך שטאַרבן ניט געקאָנט אין יענער נאַכט...

י. ה. לעווי

# א שטילער בעל-יובל

שמואל וואהיט איז אַ שטילער, באַשיידענער ליריקער, וואָס ראַנגלט זיך דאָס רוב מיט זיין אייגענעם איך און זיינע לידער. זיינע האָריזאָנטן זיינען נישט קיין ווייטע, און אויך נישט קיין העלע, אָבער דאָך שימערט אין זיי פון צייט צו צייט אויף אַ גאָלדן שטערנדל...

שמואל וואהיט׳ס טעמעס זענען: ליבע, בענקשאַפט, טויט און לעבן, שטורעם און רו, גליק און נאַציאָנאַלער ווייטיק. זיינע אַקאָרדן זיינען ווי שוין געזאָגט: נישט קיין הויך־קלינגענדיקע, נאָר רואיק שטילע, און אַ דאַנק זייער פשוטער נאַאיוויטעט — אָדער נאַאיווער פשטות — האַרציק ליב.

אמת, זיין וועלטל איז טאַקע נישט קיין גרויס, און אויך נישט קיין פארכאַפנדיק שיינס, אָבער אַן אייגנס, אַן עכטס — אויסגעדעקאָרירט נאָר מיט אייגענע זונען און שטערן. ער זינגט — ווי דער פשוטער פויגל וואָס אים אינספּירירט, ער טרילערט נישט, אָבער דערפאַר קראַקעט ער אויך נישט. נאָר זינגט פשוט ערלעך; ביז ער צעוויינט זיך ווי אַ נאַאיוו קינד אין געזאַנג, און זינגט ווייטער מיט געוויין... זיין טאָן איז אַ יחידישער, און זיינע ליידן און פריידן זענען נאָר פּערזענלעך, סוביעקטיווע, — ער איז זיך באַוווסט אין זיין אָרימער פאַרגענגלעכקייט, און אים בענקט דערפאַר זיך נאָך דעם קאָסמישן, אוניווערזעלן און ער זינגט:

ברייטער ים, צעברויזטע כוואַליעס,
שליסט מיך אין אייער טיפקייט איין!
מיט מיין צער און מיט מיין פּיין,
זאָל מיין קול אין אייך זיך הערן —
טראָגן זיך אין ווייטע ספערן,
ביז איך וועל מיט אייך צוזאַמען
אין דער טיף פאַרגעסן ווערן...

דאָס איז טאַקע אַ סוביעקטיוויסטישער טאָן, וואָס רירט אָבער שוין אויך אָן דעם רבים... און פונקט אַזוי פאַרמאָגט אויך וואהיט אַלגעמיינע טענער וואָס רירן יעדן יחיד אָן.

אין דעם זעלביקן ציקל לידער וואָס דער דיכטער רופט אָן: „דעם ים און איך" — טאַקע דאָרט זינגט ער:

די זון האָט פאַרנייגט זיך אין פּורפּור רויט,
זי וועט ווי היינט — אויך שיינען נאָך מיין טויט.
אַ שפּיל פון זון און ים אין אייביקייט אַריין,
און נישט ווי מענטש־געבורט און מענטש־פאַרגיין;
אַ פינטל בלויז, אַ שטויבל ביי דעם ברעג,



פון כוואַליעס ווייט פאַרטראָגן אין זיי׳ר וועג.
אַ, ווער און וואָס בין איך און וועל נאָך זיין. —
מער ווי עפּעס וואָס געווען — —און ס׳מוז פאַרגיין?!

ס׳איז אַ שטילע מעדיטאַציע — אָבער אַ טיף לירישע, באַהאַרצט מיט אינטימיטעט. וואהיט פאַרמאָגט אַ חוש פאַר מוזיקאַליטעט און פאַרבן אָבער זי קומט נישט תמיד צום אויסדרוק. פאַראַנען אָבער מאָמענטן ווען דער דיכטער רייסט זיך אַרויס פון זיינע דלד אמות און דערהויבט זיך איבער דער אינערלעכער מיזערע, איבער דעם גרויען לעבן און טויט, איבער מענטש און צייט, און זיין ליד קלינגט אויף מיט אַנדערע פאַרבן און קלאַנגען:

מיין האַרץ איז ווי אַ וואָלקן
וואָס טראָגט זיך איינזאַם ווייט,—
איבער גרויע הימלען —
איבער מענטש און צייט.

אַזוי איז אויך מיין שירה
וואָס קלינגט אָפט פרעמד און ווייט. —
איבער וועלטן־רוימען,
איבער רוים און צייט....

וואהיט׳ס ליריק איז ווי שוין דערמאָנט אַ שטילע, — אַזוי שטיל איז אויך זיין בענקשאַפט נאָך ליבע און גליק, נאָך שטורעם און רו, נאָך לעבן און טויט.

אָבער זיין ליבע איז נישט קיין טיף עראָטישע נאָר אַ מילדע פון אומעט, אַ זאַנפטיקע און זיין האַרץ זינגט:

עס שלאָפן די ביימער אין הייליקער רו,
פאַרוויגט פון דער מילדער ביינאַכטיקער לופט.
דאָס ליכט פון לבנה דערמאָנט מיך ווי דו —
האָסט מיך באַטרונקן מיט רוישיקן דופט.

אַ, ליבסטע איך וואַנדער אַלס שלאָפלאָז נאָך איצט.
איך וואַנדער אַן רו פאַר דיין פענסטער אַרום,
און וואַרט אויף דעם בליק פון דיין שמייכל צעבליצט.
מיין דופטנדיק שיינע פאַרחלומטע בלום.

און טונקל, טיף בלוי, ליגט דער הימל דאָרט ווייט.
די שטערן זיי פינקלען אין זעפירנעם רייך.
נאָר טיף אין דער שטילקייט פאַראיינזאַמטערהייט.
פאַר ליבע און בענקשאַפט מיין פּנים ווערט בלייך.

און ווען ס׳באַפליגלט אים די אייביקע אומרו, אָדער ווען ער דערפילט אַז די וועלט איז נישט אין אָרדענונג, — געלינגט עס אים נישט פון די ברעגעס זיך אַרויסצורייסן; נאָר זיך צוצעוויגן און צו קושן די ברעגעס מיט זיין געזאנג:

אַז עס איז די וועלט פאַרדאָרבן,
און נאָר רויב און מאָרד איר צוועק, —
טאָ וואָס זוך איך צו געפינען
אין דער פינסטער נאָך אַ וועג?

אַז עס איז דאָס ליכט פאַרלאָשן,
וואָס דער נביא האָט צעשיינט, —
וואָס שוין קען דער מאָרגן ברענגען
מיר, ווען ס׳איז נישטאָ קיין היינט?

אַז דאָס לעבן איז אַ חורבה,
ס׳שרייט דערפון דער צער אַרויס, —
טאָ ווי קען איך זיך באַשיצן
מיט מיין שטיבל פאַרזונקענעם הויז?!

מען קען נישט זאָגן אַז שמואל וואהייט האָט דעם וועג שוין געפונען, וואָס מען קען אָבער יאָ זאָגן — איז אַז ער איז אַ באַשיידענער און ערלעכער זוכער, וועלכער שיקט אונדז פון מאָל צו מאָל, אַפילו פון זיינע דאַרנדיקסטע וועגן שיינע האַרציקע גרוסן...

שמואל וואהייט איז, אַזוי ווי אין דער דיכטונג, אויך אין זיין לעבן: אַ שטילער, רואיקער, באַשיידענער און האַרציקער מענטש. און אין דעם פאַרגאַנגענעם ווינטער איז ער געוואָרן אַ בן ששים, אָבער שאַ, שטיל, ס׳האָט קיינער דערפון נישט געוווּסט. נאָר על פי צופאַל האָט עס דער שרייבער פון די שורות דערפאַרן. לכן, — ווינטשן מיר טאַקע דעם שטילן בעל־יובל מיט זיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערין אַ ווייטערדיק געזונטן, קרעפטיקן, לעבן און שאַפן — אַז עס זאָל אים נאָך געלונגען זיינע וויזיעס און חלומות אין די שענסטע לידער און פּאָעמעס צו פאַרוואַנדלען, און אַז ער זאָל דערלעבן אַ גערעכטערע, פרייערע צייט — פאַר מענטש און ייד; פון וועלכער ער זאָל קענען אויסזינגען: די הערלעכסטע און גליקלעכסטע „נשמה־קלאַנגען" — פון פרייהייט, ליבע, גליק און שלום!...



ש. ערנסט

## אַנטאָלאָגיע פון יידישן הומאָר

(„שחוק פינו", אוצר להומור ולסאטירה בספרות העברית מראשיתה ועד ימינו, מאת אפרים דווידזאָן, תל אביב, 1951)

די נייע אַנטאָלאָגיע פון יידישן הומאָר איז זיכער אַ גרויסע באַרייכערונג פון העברעאישן פאָלקלאָר. די אַנטאָלאָגיע איז אַ פּראָדוקט פון 15 יאָר אַרבייט, מיט גרויס פלייס, און דער עיקר, וואָס זי איז געשריבן געוואָרן פון אַ וויסנשאַפטסמאַן, וואָס האָט אי באַאַרבייט דעם מאַטעריאַל און אויך באַגרינדעט און פאַרשטענדלעך געמאַכט זיינע פאַרשידענע טיילן און אויך געגעבן דעם מאַטעריאַל אין זייער אַ אינטערעסאַנטער און פּאָפּולערער פאָרם.

דער בוך איז נויטיק פאַר יעדן וואָס באַשעפטיקט זיך מיט וועלכן עס איז אויסצוייג פון דער העברעאישער ליטעראַטור, ווייל דער מחבר גיט אויך אויספירלעכע ביאָגראַפיעס פון יעדן שרייבער, און איבער 500 זייטן זענען אין אַלבאָם־פאָרמאַט, ווו ער גיט אונז אויסער די טעקסטן, אויך אַ שפּרודלדיקן קוואַל פון ערשט האַנטיקע ידיעות וועגן יידישע פּערזענלעכקייטן אין משך פון פיל תקופות.

די אַנטאָלאָגיע אַנטציקט מיט דער קאָלירפולקייט פון מערקווירדיקע יידישע וויצלער: ר׳ מנשה בן ישראל, ר׳ יהונתן אייבעשיץ, דער בעל שם טוב און דער טאַלנער רבי, יוסף פּערל און דער מלבי״ם, אחד העם און סאָקאָלאָוו און בערדיטשעווסקי, אַלע האָבן זיי געזאָגט גלייכווערטלעך, וואָס דער מחבר האָט צונויפגעקליבן און אונדז דערלאַנגט אין אַזאַ שיינער פאָרם.

זיין אַרבייט איז אַן אַרבייט פון ליבע צום יידישן שאַרפזין און פון פאַרטיפונג און טאַקע דערפאַר איז דער בוך אַ קוואַל פון יידישן שאַרפזין און וויץ. ער הייבט אָן פון תנ״ך. און שוין „קין", דער ברודער פון „הבל", איז דער ערשטער וויצלער, בעת ער ענטפערט גאָט, „השומר אחי אנכי?" — צי בין איך דער היטער פון מיין ברודער? זיין טראַציקער ענטפער איז איראָניש.

דער מחבר פון דער אַנטאָלאָגיע האָט אויך גרינטלעך דורכגעשטודירט „תלמוד" און די מדרשים און האָט פון דאָרטן געשעפּט פולע הויפנס פון וויץ און פּאַראַדיע און שפּעטער גייט ער אַריבער אין דער פאַרצווייגטער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, ווו ער געפינט דעם פּאַסנדן מאַטעריאַל.

זייער טרעפלעך איז זיין אויסוואַל פון דער „השכלה"־ליטעראַטור, וואָס איז געווען זייער רייך מיט וויץ און פּאַראַדיע. און אויך דאָ האָט ער געטאָן אַ פלייסיקע און אַקאַדעמישע אַרבייט און האָט אַנטפּלעקט פאַר אונז אַ גאַנצע ריי פון שרייבער וויצלינגער און פּאַראַדיסטן. אויך דאָס איז ביי אים געווען אַן אַרבייט פון יאָרן לאַנגען זאַמלען און נישטערן אין דער גרויסער פאַרצווייגטער ליטעראַטור, ווו ס׳זענען צעשפּרייט די יצירות פון די משכילישע שרייבער.

דאַווידזאָן ווייזט כּסדר אַרויס זיין וואַרימע אינערלעכע ליבע צום פאָלקסשאַפן און צום וויץ. מען לייענט מיט פאַרגעניגען די בלעטלעך, וואָס פירן אונז אַריין אין די באַהאַלטענע קעמערלעך פון דער יידישער פאָלקס־נשמה. מען געפינט דאָ די פעדים, וואָס פאַרבינדן דאָס פאָלק מיט זיינע ליטעראַרישע קלאַסיקער, וואָס האָבן מאַנכע מאָל אָפגעלאַכט פונם המון, איבערהויפט פון די פּראָסטאַקעס און ישוב׳ניקעס.

אויסער וואָס דער אויטאָר ווייזט אַרויס זיין שאַרפן חוש פאַר דעם יידישן וויץ, ברענגט ער די שענסטע ציטאַטן פון דער העברעאישער ליטעראַטור ביז דער לעצטער צייט און פאַסט זיי קינסטלעריש אַריין אין זיין ווערק, וואָס איז לייכט אין סטיל און איז צוגענגלעך פאַר אַלע שיכטן פון לעזער, ווו יעדער איינער קאָן געפינען אינהאַלט, צוגלייך פאַר יום־טוב׳דיקע און וואָכעדיקע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

## די אַלטערטום קולטורן פון אשור און בבל

ערשטער העברעאישער בוך אין „אשור׳אָלאָגיע״ — אַרויס אין תל אביב

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט אין וויסנשאַפטלעכע קרייזן, איז דאָס נייע ווערק פון יעקב פּערימען „משלי אשור ובבל״, וואָס ענטהאַלט די משלים פון די אַמאָליקע אשורים און בבלים, אין אָריגינאַל און אין אַ העברעאישער איבערזעצונג.

דער מחבר פון בוך איז דער גרינדער פון „נוה שאנן״, אַ קוואַרטאַל פון תל אביב. ער איז אַ לאַנגיאָריקער טוער און גרינדער פון די ראַדיקאַלע „פועלי ציון״ אין יאָר 1917.

אין בוך „ספר היובל של מפלגת ראדיקאל פועלי ציון״ ווערט פונאַנדערגעוויקלט זיין לעבנס־געשיכטע. זיין איבענדערמאַנטער לעצטער בוך איז שוין דער אַכטער אין דער צאָל פון זיינע פאַרעפנטליכטע ווערק. זיינע אַלע פריערדיקע ביכער זיינען זאַמלונגען („אלשם״ און אַנד.) אין העברעאיש פון לידערביכער, פאָרשונגען אין תנ״ך און אין דער העברעאישער שפּראַך. אויסער די דאָזיקע ביכער האָט ער געדרוקט פיל פאָרשונגען אין וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן.

יעקב פּערימען איז איצט אַלט געוואָרן 70 יאָר. ער פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק, איבערהויפט פון פאָלקלאָר, קונסט, עטנאָגראַפיע, ספּעציעל פון נאָענטן אָריענט און „אשור׳אָלאָגיע״. זיין ביבליאָטעק האָט איבער 20 טויזנט בענדער, אויף די פאַרשידענסטע געביטן.

צו זיין 70־טן יובילעי האָט זיך געגרינדעט אין תל אביב אַ קאָמיטעט פון שרייבער, קינסטלער און כלל־טוער, וואָס וועט אַרויסגעבן אַלע זיינע וויסנשאַפטלעכע שריפטן, וואָס ענטהאַלטן אַ ריי גרינדלעכע פאָרשונגען וועגן די דאָזיקע אַלטערטום קולטורן.

מערערע פרטים און אויסצוגן פון זיי, אין צווייטן אַרטיקל.





## ה. לייוויקס „דער גולם״ איבערזעצט אין שפּאַנישער שפּראַך

בוענאָס איירעס (איוונא) — דאָ ווערט באַקאַנט, אַז דער יונגער דיכטער אורי גיסער (דער זון פונם באַקאַנטן יידישן דיכטער משה דוד גיסער), וועלכער וווינט אין סאַנטיאַגאָ, די הויפּט־שטאָט פון טשילי, האָט איבערזעצט אין דער שפּאַנישער שפּראַך לייוויק׳ס דראַמאַטיש ווערק „דער גולם״, וואָס דאַרף אינגיכן ווערן אויפגעפירט אין אַ דאָרטיקן שפּאַנישן טעאַטער.

* * *

## צענטראַלער פאַרבאַנד פון שווייצאַרישע קהילות

באַשטימט פּרעמיע פאַר אַ יידיש ווערק.

ציריך (איוונא) — דער פאַרבאַנד פון די „איזראַעליטישע קולטוס־געמיינדעס״ אין די שווייץ האָט אויף זיין לעצטער זיצונג באַשלאָסן, צו געבן אַ פּרעמיע פון 5,000 שווייצאַרישע פראַנק (אַרום 450 פונט) פאַר אַ ווערק אויף אַ יידישער טעמע. די פּרעמיע איז באַשטימט פאַרן יאָר 1952 און יידישע שריפטשטעלער, מוזיקער, מאָלער און אַנדערע קינסטלער זענען געוואָרן איינגעלאַדן זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנקורס.

* * *

## נייע יידישע צייטונג דערשיינט אין בערלין

בערלין (איוונא) — דאָ האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ נייע יידישע צייטונג מיטן נאָמען „דאָס וואָרט״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון עטלעכע יידישע סטודענטן וועלכע שטודירן אויף דער היגער פרייער אוניווערזיטעט. די צייטונג דערשיינט דערווייל בלויז איינמאָל אין חודש. אָבער עס ווערט געמאַכט באַמיאונגען, אַז זי זאָל דערשיינען יעדע וואָך.

אַ צווייטע יידישע צייטונג דערשיינט אין מינכן.

* * *

## שלום עליכמס ברודער אין פאַריז איז אַ הענדלער פון אַלטוואַרג

פאַריז (איוונא) — פון אַ רעפּאָרטאַזש, וואָס איז דערשינען אין דער היגער טעגלעכער בונדישער צייטונג „אונזער שטימע״ דערוויסט מען זיך, אַז אַ ברודער פון אונזער גרויסן שריפטשטעלער שלום עליכם, וווינט אין פאַריז און „מאַכט אַ לעבן״ פון האַנדלען מיט אַלטוואַרג.

דער אַלטער מר. ראַבינאָוויטש איז, פאַרשטייט זיך זייער שטאָלץ, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסן, וועלט־באַרימטן ברודער קוויקט זיך מיט די 26 בענדער, ניי אַרויסגעגעבענע ווערק פון שלום עליכם, וואָס זענען דערשינען אין ניו יאָרק און ער האָט זיי באַקומען צוגעשיקט אַלס אַ מתנה פון זיינעם אַ פריינט אין אַמעריקע.

* * *

# יידישע צייטונג אין בעלגיע האט נישט געקאנט דערשיינען צוליב מאנגל אין יידישע זעצער!

בריסל (איונא) — די היגע „מפ״ם"־צייטונג „אונזער ווארט" בעט אנטשולדיקונג ביי אירע לייענער, פארוואס זי איז נישט דערשינען אין משך פון די לעצטע 10 וואכן.

עס שטעלט זיך ארויס, אז א חוץ מאטעריעלע שוועריקייטן האט די צייטונג אויך נישט געקאנט דערשיינען ווייל דער גרעסטער טייל פון די יידישע זעצער, וואס זענען געווען באשעפטיקט אין „אונזער ווארט", האבן עולה געווען, ווער קיין ישראל און אין אנדערע לענדער.

(באמערקונג פון „איונא"): דאס פראבלעם פון יונגע יידישע זעצער ווערט אין דער לעצטער צייט שטארק אקטועל אויך אין ארגענטינע און אין אנדערע לאטיין־אמעריקאנישע לענדער ווו א זעצער איז ממש מיט גאלד צוגלייך!

דאס זעלביקע „זעצער־פראבלעם" הערשט איצט אויך אין לאנדאן און דאס פראבלעם ווערט אקטועלער פון וואך צו וואך.

• • •

## יידישע טעאטער־נייעס

ווארשע (איונא) — אינם יידישן מלוכה־טעאטער אין פוילן איז געווארן אויפגעפירט א מאנטאזש פון אלע פרצ׳ס ווערק, געשריבן פון יצחק טורקאוו־גרונדבערג און נתן מייזלער. רעזשי — נ. מייזלער.

• • •

פאריז (איונא) — דער באקאנטער קינסטלער און רעזשיסאר זיגמונט טורקאוו, וועמענס 35 יעריקער יובל איז געפייערט געווארן אין בראזיליע און ארגענטינע, קומט אין גיכן קיין פאריז אויף זיין דורכרייזע קיין ישראל און וועט דא געבן איניקע גאסטשפילן.

• • •

בוענאס־איירעס (איונא) — אין טעאטער „סאלעיל" שפילט כסדר מאריס שווארץ גאלדפאדנס „די כישוף־מאכערין".

אין „מיטרע" טעאטער שפילן בן־ציון וויטלער און שפרהלע לערער.

דזשיגאן און שומאכער, וואס האבן דא געהאט א גרויסן מאראלישן און מאטעריעלן דערפאלג, גאסטראלירן איצט אין מאנטעווידעא און אין טשילי.

• • •

## יידיש טעאטער אין ישראל

תל־אביב (איונא) — נאך לאנגע און שווערע קאמפן, איז ענדלעך געווארן לעגאליזירט דער סטאטוס פונם „גאלדפאדן טעאטער", וואס מעג געבן פארשטעלונגען אין יידישן לשון.

עס איז אויך געגרינדעט געווארן א יידישער ארטיסטן פאראיין וועמענס פארזיצנדער איז דער אקטיאר הערש הארט. דער יידישער ארטיסטן־פאראיין פארמאגט 32 מיטגלידער און בלויז א טייל פון זיי זענען טעטיק.

• • •

## יידישער אילוסטרירטער זשורנאל

דערשיינט אין ירושלים

ירושלים )איונא) — אונטער דער רעדאקציע פון נ. פראנק, האט דא אנגעהויבן צו דערשיינען א יידישער אילוסטרירטער זשורנאל מיטן נאמען „יידישע בילדער".



# לאנדאנע קולטור ידיעות

אסתר קרייטמאן, די באקאנטע נאוועליסטין איז געווארן 60 יאר.

• • •

דער פרעזידענט פון די ארבעטער רינג שולעס אין אמעריקע האט געווײלט דא אין לאנדאן אויף זיין צוריק רייזע פון ישראל. א גרופע קולטור טוער, י. פיין, י. ביעטש, לאש. בערל ראזנער א.א. האבן זיך פייערלעך מיט אים געזעגנט ביי א באנקעט.

• • •

דער זשורנאליסטן פאראיין האט געפייערט ס. פאלמעס 60־טן געבוירן טאג.

דער פאעט שמואל ווייט איז איצט געווארן 60 יאר.

• • •

הרב שמעון וויסאקער, רב בתל אביב, והרב ר׳ שמריהו קארעליץ פון א״י בני ברק, זיינען געקומען קיין לאנדאן אין שליחות פון „חזון איש".

• • •

אין דעם קאלעדזש פון דער אוניווערזיטעט אין לאנדאן („יוניווערסיטי קאלעדזש") איז דא א באזונדערע אפטיילונג פאר די העברעאישע שפראך און אירע אלטע (און מיטלאלטערלעכע) ליטעראטור. דער לייטער איז דר. ז. שטיין, און מיט אים צוזאמען ארבעטן די לעקטארן: דר. יוסף אליהו העלער, און דר. ח. וויזענבערג.

• • •

די שוישפילערין דארא דימאנט, די פיינע פארלעזערין פון פרצעס לידער און דערציילונגען, וועלכע איז איבער א יאר געווען אין שפיטאל, איז איצט ארויס. מיר האפן אז זי וועט זיין בכוח זיך צו באטייליקן אין אונזערע פרץ־פייערונגען.

• • •

א. ראלין, דער סעקרעטאר פונם יווא, איז צוריקגעקומען פון זיין רייזע אין אמעריקע, ווו ער איז אויפגענומען געווארן פון פארשידענע קולטור־געזעלשאפטן.

• • •

אליהו פאלושאק וועט האלטן דריי לעקציעס ביים סטעפני פרויען אינסטיטוט, מערדל סטריט, ביים קאונטי קאונסיל אין לאנדאן.

• • •

קומענדיקן חודש דערשיינט א בוך דערציילונגען פון י. ביעטש א.נ. „אויף שיידוועגן".

• • •

אין לאנדאן האט געווײלט דער גענעראל סעקרעטאר פונם ייוו״א אין אמעריקע מ. יוויליער. דער לאנדאנער ייוו״א און דער ליטעראטן פאראיין האבן אים אויפגענומען ביי א גלעזל טיי ווו ער איז ווארים באגריסט געווארן.

• • •

דער בונד אין לאנדאן גרייט צו א פייערונג צו דער 100 יאריקער גרינדונג פון דעם ערשטן יידיש סאציאליסטישע פאראיין אין לאנדאן.

• • •

דער בילדונגס קאמיטעט פון ארבעטער־רינג האט איינגעארדנט אן אוונט אויף וועלכן ס׳האבן אויפגעטראטן די באקאנטע ארבעטער טוער

אין לאָנדאָן, סעם דרין, נ. גאַלאַקאָסקי, י. פרידלאַנד און מ. מינדל, וואָס האָבן באַזוכט און געברענגט גרוסן פון ישראל, פון אַמעריקע, פון אַרגענטינע און פון פראַנקרייך.

• • •

דער אַרבעטער־רינג גרייט זיך צו דעם ווינטער, ווי אַלע יאָר, מיט רעגעלמעסיקע ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אָוונטן. דער ערשטער איז געווידמעט די 100 יאָריקע פרץ־פייערונג.

• • •

די פרויען אָפּטיילונג ביים אַרבעטער־רינג בראַנטש 3, האָבן רעגעלמעסיקע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אָוונטן. צוויי וועכנטלעכע רעפעראַטן ווערן געהאַלטן איבער געשיכטלעכע טעמעס.

• • •

די קאַונטי קאָונסיל אָוונטן אין יידיש, רעגלמעסיק צוויי מאָל וועכנטלעך ווערן אַנגעפירט פון י. א. ליסקי, שלמה אויערבאַך און אליהו פּאָלושאַק.

• • •

דער שרייבער פון אויסטראַליע, פריינט שולמאַן, איז אָנגעקומען נאָך לאָנדאָן מיט זיין פרוי, וווּ זיי זענען אויפגענומען געוואָרן פון די חברים ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס.

• • •

דר. צבי כהן, אויף זיין צוריקרייזע פון ישראל, איז פון „פריינט פון יידיש לשון" אויפגענומען געוואָרן ביי אַ פייערלעכן באַנקעט וווּ ער איז באַגריסט געוואָרן פון קאָלעגן שרייבער, דער חשובער גאַסט האָט וואַרעם דערציילט פון אַמעריקע און פון ישראל און גערעדט איבער זיין צוגאַנג צום נעאָ־חסידיזם.

• • •

דער גוט־באַוווּסטער קאָמיקער פון בוענאָס איירעס, מאַקס פערלמאַן און זיין פּאַרטנערין די סובערעטין גיטאַ גאַלינאַ, וועלכע זיינען שוין גוט באַקאַנט און באַליבט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן, וועלן דעם סעזאָן זיין די סטאַרס פון גרענד פּאַלעי טעאַטער אין לאָנדאָן. מיר באַגריסן זיי און ווינטשן זיי גרויס דערפאָלג.

• • •

האַרי אַריעל, דער באַקאַנטער לאָנדאָנער אַקטיאָר, הויבט ווידער אָן צו שפּילן אין גרענד פּאַלעי טעאַטער.

• • •

מייטי סעגאַל הויבט ווידער אָן צו שפּילן יידיש טעאַטער אין גרענד פּאַלעי.

• • •

דאָס גרענד פּאַלעי טעאַטער ווערט איצט אָנגעפירט פון אַן אַקטיאָרן־ראַט: סעגאַל, פוקס און קאַסווינער.

• • •

פרץ פייערונגען אין לאָנדאָן וועלן אָנגיין די נעכסטע זעקס וואָכן. די נעכסטע „יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" וועלן זיין געווידמעט די שאַפונגען און די פּערזענלעכקייט פון אונזער גרויסן קלאַסיקער.

• • •

דער זינגער יוסף ראָזענפעלד, דער אַמאָליקער דאָ באַקאַנטער גאָלדפאַדעניש איז געוואָרן 70 יאָר.

• • •

צום אָפּפאָר פון דר. אליעזר יאפו, דעם פּרעסע־אַטאַשע פון דער ישראל לעגאַציע אין לאָנדאָן, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געזעגענונגס־אָוונט פונם יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין. דער ישראל מיניסטער אליהו אילת, וואָס איז געווען אַנוועזנדיק ביי דער פייערונג, האָט וואַרים גערעדט וועגן די קולטור־פּראָבלעמען פון ווייטשעפּל. עס האָבן אויך גערעדט די חברים־שרייבער: יוסף פרענקעל, דר. יעקב י. מייטליס, ש. גאָלדשמידט א.א. דעם פאָרזיץ האָט געפירט א.מ. קיזער.

• • •

דעם 24־טן נאָוועמבער, ווערט „די יידישע שטימע" פייערן איר ערשטן האַלבן יאָר פון איר דערשיינען. אין אַדלער האָל ווערט אין דעם אָוונט פאָרקומען אַ באַנקעט לכבוד דער וואָכנצייטונג. מיר ווינטשן איר לאַנג לעבן לטובת דער היגער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט און כוחות אָנצוגיין מיט דער אַרבעט דעם רעדאַקטאָר בן־א. סאָכאַטשעווסקי און די געהילפס רעדאַקטאָרן מאַקס הערשמאַן ש. ל. קרעדיטאָר און דעם אַדמיניסטראַטאָר ל. הערש.

• • •

מאַרקס קאָהען גיט אַרויס אַ ניי בוך אונטערן נאָמען „דער ערשטער פּיאָנער קיין ארץ ישראל".

• • •

אויף איר צוריק־רייזע פון ישראל, אַ „וויצא" פאָרשטייערין פון טשילי, אלישבע ראַבינאָוויטש האָט אָפּגעגעבן אַ גרוס ביי די שבת נאָכמיטאָגס און איז וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פונם עולם.

• • •

דר. יעקב י. מייטליס וועלכער האָט געוויילט איניקע וואָכן אין ישראל און דאָרטן אויפגענומען געוואָרן ביים פּען־קלוב, ביי דער רעדאַקציע דבר און גערעדט אין קול ישראל, איז צוריק דאָ מיט אונז אין לאָנדאָן און האָט אויפגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט ביי די שבת נאָכמיטאָגס.

• • •

אויף דער איינלאַדונג פון יידישן שרייבער פאַראיין אין מעלבאָרן, צו דער פייערונג פונם 60־טן געבוירן טאָג פונם שרייבער יהושע ראַפּאָפּאָרט, שליסן מיר זיך אָן מיט חברישן ווונטש און באַגריסונגען.

• • •

די מאָלערין חנה לערנער פון ישראל האָט אָן אויסשטעלונג פון ביבלישע־ און ישראל בילדער.

• • •

דער גוט באַוווּסטער ענגלישער מאָלער יוסף הערמאַן האָט אָן אויסשטעלונג.

• • •

דער באַרימטער מאָלער מאַנע קאַץ האָט אָן אויסשטעלונג ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן.

• • •

הרב יהושע שפּעטמאַן האָט אַרויסגעלאָזן אַ העפט, „ממעמקים" מיט „האַרציקע ווערטער צו אונזער פאָלק".

• • •

דער פּעדאַגאָג און שרייבער מיכל זילבערבערג, וואָס האָט ביי אונז אָנגעפירט מיט די לעקציעס ביים קאַונטי קאָונסיל איז געפאָרן נאָך דרום אַפריקע און לויט ווי מיר הערן איז דאָרטן אויפגענומען געוואָרן פאַר גענעראַל סעקרעטאַר פון דער קולטור פראַקציע פון דרום אַפריקע.

## פרייער יידישער קלוב

אין פאריז איז לעצטנס געגרינדעט געווארן א פרייער יידישער קלוב. די ארגאניזאטארן האבן אנגענומען די פרינציפן־דערקלערונג פון ניו־יארקער „פרייעם יידישן קלוב". די מיטגלידער פון דעם קלוב געהערן צו פארשידענע ריכטונגען און באוועגונגען אין יידישן לעבן. עס ווערט ניט געשאפן קיין נייע פארטיי אדער ארגאניזאציע. דער קלוב וועט זיין א פרייע פארבינדונג פון מענטשן, וואס האבן זיך געאייניקט אויף א געמיינזאמער פלאטפארמע.

די פלאטפארמע גייט ארויס פון דעם געדאנק, אז „ישראל פארנעמט איצט א צענטראלן ארט אין דער יידיש געזעלשאפטלעכער טעטיקייט", אבער „אומאפהענגיק פון דעם, ווי מען באציט זיך צו ישראל, טאר ניט פארנאכלעסיקט ווערן די געזונטע אנטוויקלונג פון די יידישע מאסן אין די תפוצות ישראל".

דער פרייער יידישער קלוב שטעלט זיך אזעלכע אויפגאבן:

1) קעמפן פאר הויבן דעם מאראלישן און קולטורעלן מצב פון יידישן עפנטלעכן לעבן.

2) אנטקעגנשטעלן זיך די טאטאליטערע אידעאלאגיעס און ליידנשאפטן, אויך אלע ענג־נאציאנאליסטישע טענדענצן אויף דער יידישער גאס.

3) באקעמפן די טענדענץ פון „גלייכשאלטונג" אין דער יידישער פרעסע און קעמפן פאר פרייהייט פון ווארט און אינפארמאציע.

4) באקעמפן די טענדענץ מקריב צו זיין דאס גאנצע יידישע לעבן מיט אלע זיינע אינסטיטוציעס בלויז צום צוועק פון ישראל; אפשטעלן דעם פראצעס פון זעלבסט־ליקווידאציע אין די געביטן פון גייסטיקן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון די יידן אין די תפוצות ישראל.

5) שטרעבן צו א פולער דעמאקראטיזאציע פון אלע יידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס; צו א גערעכטער פארטיילונג פון אלע היגע געלט־זאמלונגען, ארייננעמענדיק באזונדערס די אינסטיטוציעס פון יידישער דערציאונג און קולטור.

6) קעמפן פאר די עפנטלעכע רעכט פון יידיש אין ישראל, ווי אויך פאר דער אקטיווער פארשפרייטונג פון יידיש אין עפנטלעכן לעבן אויף די ערטער.

7) פירן פראפאגאנדע פאר דער אידעע פון יידישן קיום און המשך, פאר דער אויפהאלטונג פון יידישער אייגנארטיקייט און לעבנסשטייגער, ווי א וועלט פאלק, וואס מוז לעבן אין א פרייער פאראייניקטער וועלט.

דער קלוב רופט די אלע, וואס זיינען פאראינטערעסירט און מסכים מיט זיינע הויפט־אידעען, זיך אנשליסן אין אים.

די איניציאטיוו־גרופע: י. הערמעלין, ג. שאפירא, ה. פענסטער, נ. זילבערמאן, מ. ביטינער, א. ערליכמאן־זאכארין.

אדרעס: 87 רי טירען (קוליש־ביבליאטעק), פאריז 3.



## די י. ל. פרץ פרעמיע

## ערשטער פעברואר 1952 איז דער לעצטער טערמין ארייננצושיקן פיעסן פאר דער אלעקסאנדער שאפירא־פרעמיע

די זשורי, וואס איז באשטימט געווארן אויסצוטיילן די ערשטע פרעמיע פון אלעקסאנדער שאפירא־פאנד פאר דער בעסטער יידישער פיעסע, האט הײיאריקער פארטיילונג פון דער פרעמיע... 

די פרעמיע פאר דער יידישער פיעסע איז איינגעשטעלט געווארן ביים קולטור־קאנגרעס דורך דעם באקאנטן באסטאנער יידישן קולטור־טוער אלעקסאנדער שאפירא. דער אפיציעלער נאמען פון דער פרעמיע איז: „י. ל. פרץ פרעמיע פאר דער בעסטער יידישער פיעסע, עטאבלירט דורך אלעקסאנדער שאפירא". די פרעמיע ווערט פארוואלטעט דורך א ספעציעלן קאמיטעט, צו וועלכן עס געהערן: אפרים אויערבאך פון יידישן פען־קלוב, גוסטאוו בערגער פון יידישן אקטיארן־פאראיין, פ. שווארץ און ל. שפיזמאן פון קולטור־קאנגרעס און אלעקסאנדער שאפירא אליין.

די זשורי, וואס דער דאזיקער קאמיטעט האט אויסגעטיילט, באשטייט פון די פאלגנדיקע דריי יידישע שרייבער און טעאטער־קענער: דר. א. מוקדוני, מענדל עלקין און ברוך שעפנער.

די פרעמיע באטרעפט די סומע פון 500 דאלאר. אלע רעכט אפצודרוקן און אויפצופירן די פרעמירטע פיעסע וועלן געהערן צום מחבר.

מאנוסקריפטן און ביכער קענען ארייגעשיקט ווערן אויפן פאלגנדיקן אדרעס:

Congress for Jewish Culture, 175, East Broadway, New York, N.Y.

## „דער מארגן-זשורנאל" דערשיינט שוין ווידער!

ווערט א שטענדיקער לייענער פונם ניו־יארקער „מארגן־זשורנאל", וועלכן איר וועט באקומען צוגעשיקט פון ניו־יארק אין משך פון 8 ביז 10 טעג.

דורכן „מארגן־זשורנאל" זייט איר אינפארמירט וועגן אלע יידישע געשעענישן אין אמעריקע, ישראל, איראפע און אויף דער גארער וועלט.

איר קאנט אבאנירן דעם „מארגן־זשורנאל" דירעקט אין לאנדאן צום רעדאקציע־פרייז פון 7 פונט פאר א יאר, אדער 3.12.6 פונט פאר זעקס חדשים. שרייבט אדער טעלעפאנירט צום לאנדאנער „מארגן־זשורנאל"־ביורא אויף פאלגענדער אדרעס:

Jewish Morning Journal Bureau, 66, Woodlands, Golders Green, London, N.W.11. Telephone: SPEedwell 7935.

## באגריסונגען צו דער פרץ-פייערונג

### פריינט פון יידיש לשון

„פריינט פון יידיש לשון באַגריסט" צו דער פייערונג פון 100־טן געבוירן טאָג פון אונזער קלאַסיקער, דער מייסטער פונם געפּאַרמטן יידישן קינסטלערישן וואָרט און דעם פּאַרמער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

פאַרן קאָמיטעט: **משה עובד, י. ביעטש** און **נ. רובין.**

---

### דער עולם פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאָגס,

וואָס באַגייסטערט זיך כמעט יעדן שבת מיט פאַרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס פון פּרץ־שאַפן, באַגריסט דעם יום טוב פון זיין 100־טן געבוירן טאָג.

---

### דער זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין אין לאנדאָן

מיר זענען זיך משתתף אין דעם גרויסן יום טוב, וואָס די יידישע ליטעראַטור פייערט לכבוד דעם 100 געבוירן טאָג פון איר גרויסן קלאַסיקער י. ל. פרץ.

פאַרזיצער: **א. מ. קייזער**; האָנ. סעק.: **יוסף פרענקל.**

---

### די „ייווא" אין לאנדאָן

די „ייוואָ" אָפּטיילונג אין ענגלאַנד שליסט זיך אָן צוזאַמען מיט אַלע יידישע קולטור אָרגאַניזאַציעס צו דער פייערונג פון דעם הונדערט־יאָריקן געבורנטאָג פון גרויסן קלאַסיקער פון דער יידישער קולטור — י. ל. פּרץ.

פאַר'ן קאָמיטעט:
**א. מ. קייזער**, פאַרזיצער;
**י. וו. פאדאלסקי**, ערן־קאַסירער;
**א. ר. ראלין**, ערן־סעקרעטאַר.

---

### דער ארבייטער רינג בילדונגס-קאמיטעט — י. ל. פרץ-אינסטיטוט

דער אַרבייטער רינג בילדונגס־קאָמיטעט — י. ל. פּרץ־אינסטיטוט באַגריסט דעם 100 יאָריקן געבוירן־טאָג פון דעם אומשטערבלעכן פאָלקס־דיכטער און קולטור־קעמפער י. ל. פרץ — דעם אָדלער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור און קולטור.

---

### די פרויען סעקציע ביים בראנדזש ארבעטער-רינג

די אויבנדערמאָנטע פרויען סעקציע באַגריסט צום 100 יאָריקן געבוירן טאָג פון אונזער אומשטערבלעכן גרויסן קלאַסיקער י. ל. פרץ, וועלכער איז געוועזן אונזער גייסטיקער וועג־ווייזער און קולטור־דערציער מיט זיינע ווערק און מיט זיין קאַמף פאַר רעכט און יושר.

פאַרזיצערין: פרוי **פ. סאלאמאן**, האָנ. סעקרעטאַר: **פ. וואלקער.**



ארטס חברה להוצאת ספרים בע"מ לאָנדאָן 8.10.51

חשובער פריינט און רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן",

דערלויבט מיר אייך אויסצודריקן מיין האַרציקע באַגריסונג צו אייער שיינעם און איידלעם געדאַנק צו פייערן דעם 100־טן געבוירן־טאָג פון י. ל. פרץ, ווי עס ווערט געטאָן איף דער גאַרער וועלט.

דער קלאַסיקער פרץ איז ווערט אַז די יידן זאָלן טאָן אים גדענקען. יעדעס מאָל ווען איך לייען אַ דערציילונג פון פרץ, פיל איך אַ התקרבות הנפש מיט זיינע כאַראַקטערן און זיינע מעשיות.

איך האָף אַז אייערע באַמיאונגען וועלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, און איר וועט, מיט אייערע פאַרטראָגן און פייערונגען, דערוועקן ליבע און אינטערעס פאַר יידישע ביכער און פאַרן יידישן וואָרט.

נאָכאַמאָל מיט האַרציקע גרוסן פאַר אַלע מיטאַרבעטער, און באַזונדער פאַרן פאַראיין פון יידיש לשון.

**בנציון מרגליות.**

---

געערטער פריינד רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן",

אַלס איינער פון אייערע לעזער, און אויך איינער וואָס וויים מיט וואָס פאַר אַ גרויסע שוועריקייטן און מיט וואָס פאַר אַ איבערגעבונג איר טוט אייער פליכט צו דעם יידיש לעזענדען פובליקום, ערלויבט מיר אייך צו שיקן אַ גרויסן ישר כח און אַ דאַנק, פאַר אייער גרויסער אונטערנעמונג, צו דערמאָנען און לאָזן וויסן אין דאָזיקן יאָר וועגן דעם יובל פון אונזער גרויסן קלאַסיקער, י. ל. פרץ ז"ל. די פענאָמינאַלע גרויסקייט און טיפקייט פון זיינע שאַפונגען און אין זיינע ספרים ליגט דער גאַנצער גייסט און נשמה פון אונזער פאָלק, און עס איז אונזער חוב איבערצוגעבן דעם דאָזיקן הייליקן גייסט צו אונזערע קינדער און קינד'ס קינדער.

איך ווינטש אייך גרויס דערפאָלג. מיט גרויס כבוד,

**שלמה חיים לאנדאן.**

---

דער 100־טער געבוירן טאָג פון י. ל. פרץ איז אַ יום־טוב פאַר מיר. פרצ'ס ווערק זענען פאַר מיר אַ קוואַל פון פאָעזיע און קולטור. **שמואל ווהייט.**

---

ס'איז פאַר מיר אַ כבוד און פרייד זיך צו קענען באַטייליקן מיט אַ באַגריסונג צום 100־טן געבוירן טאָג פונם גרויסן קלאַסיקער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור י. ל. פרץ. **אברהם י. פין**

---

די לייענער פון די דזשאיש פרי רידינג רום און אינסטיטוט ביבליאָטעק באַגריסן דעם הונדערט יאָריקן געבוירן טאָג פון אונפאַרשטערבלעכן דיכטער י. ל. פרץ.

---

**די הערער פון די יידיש קורסן ביים קאונטי קאונסיל שולעס אין לאנדאן** באַגריסט דעם פרץ יום טוב.

## רעדאקציע-התנצלות-נאטיץ מכוח דעם פרץ-נומער

מיר דאַ אין לאָנדאָן, מיט וואָס שוין קאָנען מיר זיך באַטייליקן אינם גרויסן פרץ יום־טוב ? די געזאַמלט ווערק פון אונזערע גרויסן קלאַסיקער קאָנען מיר נישט אַרויסגעבן. פרץ׳ס קלאַסישע דראַמעס אויפפירן, — ווי „די גאָלדענע קייט“, „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק“, — שוין אוודאי נישט! יורדים זענען מיר, אונזער יידישער ישוב, וועלכער האָט אַמאָל געשפּילט אַ וויכטיקער ראָלע אין יידישן פּאַרטייי־ געזעלשאַפטלעכן און ליטעראַרישן קולטורעלן לעבן, איז אַראָפּ פון דער מדריגה... ווילן מיר כאָטש יוצא זיין, זיך כאָטש מצרף זיין און ווייניקסטנס עפּעס אָפּדרוקן פון די שאַפונגען פונם בעל־יובל.

שווער צו זיין אַ „רעדאַקטאָר“ און אויסצוזוכן פון פּרצעס ווערק! אַז די פראגע איז נישט, וואָס אָפּדרוקן, נאָר וואָס נישט אָפּדרוקן? און צו וועלכן פּרץ־זשאַנער מען רירט זיך צו, צו די רעאַליסטישע, צו די פאָלקסטימלעכע, חסידישע, סימבאָלישע . . . . טאַקע נאָר איבערצודרוקן אַלע 18 ביכער אוז ס׳זאָל זיין חי צום לעבן!

האָט אונז דאָס מזל דאָך צוגעשפּילט און מיר יורדים קאָנען זיך דאָך מיט עפּעס באַווייזן: מיט דערציילונגען ווו אונזער לאָנדאָן שפּילט אַריין אין אַ מעשה בתוך המעשה, — ווי פרץ׳עס שטייגער איז! — ווי אין באַרימטן „מענדל בריינעס“, און מיט אַ גאַנצער דערציילונג וואָס באַהאַנדלט אַן „ענגלענדער“ און שפּילט זיך אַפילו אָפּ דאַ ביי אונז אין אונזער לאָנדאָן — „דאָס חנוכה לעמפּל“.

אַז אונזער גרויסער קלאַסיקער האָט אונז דאָך אין זינען געהאַט, איז וואָס פאַר אַ יורדים מיר זאָלן נישט זיין, אָבער געפאַלן ביי זיך ברויכן מיר דאָך נישט צו בלייבן. און נאָך מער: אפשר וועלן מיר זיך דאָך פאַרטראַכטן, ווי עס לאָזט זיך אויס אין די דערציילונג „אַ חנוכה־לעמפּל“: „אפשר וועט איר אייך אויך פאַרטראַכטן“.

ווען דאָס קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע יידישע לעבן וואָלט ביי אונז דאַ פולסירט, ווען דער ניווא וואָלט געווען אַ העכערער, וואָלט דאָס צוזאַמענשטעלן פון אַ פּרץ־נומער, ניט געווען קריעת ים סוף און צו אַל־דעם, נאָך מותר זיין אויף איין חודש, בכדי דער פּרץ־נומער זאָל אַרויסקומען אַ ביסל אַנזעעוודיקער — עס איז אַנדערש ליידער נישט מעגלעך געווען, ווי צו מאַכן אַ טאָפּל־נומער, פון צוויי חדשים און אַזוי אַרום אויסצוזען אַ ביסל יום־טובדיקער.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס
**(אין בערנארד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)**

שבת בראשית, דעם 27־טן אָקטאָבער דער אָנהויב פון די פרץ פייערונגען: משה עובד, י. ל. פּין, אייזיק גאָלדבערג, א. בלום און נ. רובין.
שבת, דעם 3־טן נאָוועמבער: י. ביעטש, נ. רובין און רחל מירסקי.
שבת, דעם 10־טן: דר. מייטליס: „פּרץ און זיין וועלט פון אַלטן מאַרק“.
שבת, דעם 17־טן: שלמה אויערבאַך, י. א. ליסקי, מינדל און טוביס.
שבת דעם 24־טן: אליהו פאַלושאַק: פּרץ די שאַפנדיקע פּערזענלעכקייט.
שבת, דעם 29־טן: דראַ דימאַנט מיט אירע פּרץ־דעקלאַמאַציעס.

די פעדעראַציע פון פוילישע יידן אין ענגלאַנד ווינטשט אַלע אירע מיטגלידער פריינט און קאַמיטע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

☆ ☆ ☆

בנציון מרגליות פּרוי און זון ווינטשן זייערע פריינט און באַקאַנטע בכל מקום שהם אַ גוט געבענטשט יאָר.

☆ ☆ ☆

Mr. and Mrs. S. HURST and Family

ווינטשן אייך, מיסטער שטענצל, מיט אייערע פריינד אַ גמר טוב און אַ גוט יאָר.

☆ ☆ ☆

חיים גרשון אבערמאַן ווינשט אַ גמר טוב קרובים, פריינט, די ברומהעד־טטריט־שול און די ספרדישע של אין פילפאָט סטריט אַן אַלע יידן.

☆ ☆ ☆

ש. ברינצלער ווינשט אַ גמר טוב „פריינט פון יידיש לשון“, דעם אַר־בעטער רינג דעוויזשאָן 6, קרובים און פריינט.

---


✶ אין חדר אריין . . 10 שילינג
✶ אין זכות פון די טעג . . 5 שילינג
✶ זינגענדע רעיונות . . 7 שילינג 6 פענס
✶ די גאולה שעה . . 7 שילינג 6 פענס
✶ וויזיאָנען און אידעלשטיינער . . 1 פונט
(אין דריי טיילן, אילוסטרירט)

די ביכער צו באַקומען דירעקט פון מחבר :—
MOSHE OVED, 26 *Museum Street, London, W.C.1.*


---

מיר דריקן אויס אונזער מיטלייד צו אונזער פריינט מארקס קאהען צום טויט פון זיין שוועסטער חנה לעוויט. פריינט פון יידיש לשון.

---

אין בן אורי, 14 פּאַרטמאַן סטריט, וו.
זונטאג, דעם 28־טן אָקטאָבער, 8 אַזייגער
**פּרצעס שאַפן און די פּערזענלעכקייט**
משה עבד, אליהו פאַלושאַק, י. ביעטש, נעט רובין, רחל מירסקי
פאָרזיץ: א. נ. שטענצל

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 12 (העפט 143) צוועלפטער יאָרגאַנג דעצעמבער 1951 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט

חנוכה און ליכט פון אונזערע איצטיקע נצחונות........** 1
די ירושה פון אַ פּאַלק (עסיי)........מ. ווילענסקי 5
ברוך השם (ליד)........יוסף פּערלשטיין 9
נישטאָ קיין מתים אין ישראל (הומאָרעסקע)........א. מ. קייזער 10
דערשלאָג זיך מיין הארץ צום באַשייד (פּאָעמע)........אברהם לעוו 14
סיר סטעמפאָרד קריפּס........משה עובד 16
אויפן דאָנטע־סקווער, איזראַעלס (צוויי מיניאַטורן)........ש. טענענבוים 19
לידער און באַלאַדע........א. נ. שטענצל 21
דריי אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן........רחל מירסקי 27
נאָך צוויי רעליגיעזע מיניסטאָרן אין ישראל........ש. ערנסט 29
דער קריזיס פון דער באָרד (פּעליעטאָן)........יוסף פרענקעל 32
וועגן שרייבער און ביכער — ש. מיללער און לייב ראָכמאַן
דר. יעקב י. מייטליס 35
דריי שטעט פינף ביכער — פּאַריז........אליהו פּאָלושאַק 41
ש. טענענבוים דער עסייאיסט און נאָוועליסט........יוסף הלל לעווי 45
ביטטילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס........ 48

**פּרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

אַבאָנענט־פּרייז — 19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר

*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

**exhibited monthly in the main window**

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Jewels by Sah*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum 0401*

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

Telephone: STAmford Hill 2338

**IDEAL TRIMMINGS LTD.**

**Manufacturers of Shoulder Pads and Fancy Goods**

*Prompt Deliveries*

**118-120 CLAPTON COMMON, LONDON, E.5**

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1
*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*